בס"ד

שנה ו'
פרשת חיי שרה
נומער 287

# קרית ברסלב בלעטל

בירנע
שמואל אייכנשטיין

דאס איז מיין טאטע
יואל מנחם גרשון שניצלער

הונדערט חתונות אין שול
משה ארי' שניצלער

וואס זאגסטו צו מיין קעדי?
ישראל דוד העסקעל

אינו דומה מאה פעמים למאה ואחד

101


די ערשטע חתונה אין ישיבה כ"ח סיון תשע"ז

## אומזיסטע חתונות אין בית המדרש

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת חיי שרה תשפ"ו • 287

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
אברהם יצחק אייזנער
שמואל בער שניטצלער
שמעון עוזר פערל
**שרייבערס**
משה ארי' שניטצלער
אברהם משה שטראססער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
יואל שניצלער
יואל נחמן גלויבער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. שטיינבערג
ל. סאקס
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גרעפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ

צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפיען שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069

צאמלייג שטריימל 8



קאן עדיסאן 6



דאס איז מיין טאטע 10



היכל הקודש נייעס 4
עירנו 12
ברסלבע'ס שטוב 25
קינדער בלעטל 35

## זמנים
חיי שרה כ"ד חשון

הדלקת הנרות . 04:20
מוצאי שבת ..... 05:50

**מנחה מעריב**
**פרשת תולדות 5:30**









THIS IS HOW
YOUR PROPERTY
SHOULD LOOK

CLEAN

KB GROUP
property management
and construction team

845.439.0001
KBMANAGEMENTNY.COM

FULL CLEANUP \\ LEAF CLEAN UP \\ PROPERTY CLEAN UP \\ ARIATION

*sruliHeskel

# היכל הקודש נייעס



וויליאמסבורג

## אפגעצייכענט הונדערט חתונות אין בית המדרש געגצליך בחנם

אין די יעצטיגע טעג איז געווארן אפגעצייכנט די 'הונדערטסטע' חתונה אין בית המדרש.

דאס איז א נומער וואס דארף ווערן באצייכענט מיט גאלדענע אותיות. דאס זענען צוויי הונדערט מחותנים און צוויי הונדערט מחותנת'טעס, הונדערט חתנים און הונדערט כלות, פון אלע סארטן און אלע מינים, טייל זענען רייכע, טייל ארימע, צווישן זיי זענען דא כאניאקעס, רבישע, פרומע, באלעבאטישע, בעסערע, צופלויגענע און צאמגענומענע און אלעס אינדערמיט, וואס האבן אבער גענומען די שכל פונעם צדיק, נישט צו ווארפן געלט אין מיסט פאר אביסל נארישע אריינגערעדטע כבוד, און חתונה געמאכט אין בית המדרש היכל הקודש ברסלב.

די חתונות אין בית המדרש איז א סערוויס וואס ווערט צוגעשטעלט דורך די קהלה פאר געגצליך בחינם; מענטשן מיינען אז ווען מען זאגט אז די חתונות זענען בחנם, איז עס א גוזמא, מען טראכט וויבאלד מען בעט "בלויז דריי-און-א-האלב טויזענט דאלער א זייט", וואס איז ממש בחנם קעגן אנדערע זאלן, דרוקט מען זיך אויס אז עס איז "בחנם".

אבער ניין, ווען מען זאגט אז די חתונות זענען בחנם מיינט מען עס ממש אין פילן זין פון ווארט. די קהלה שטעלט צו די סערוויס פון א גאנצע חתונה נאכט, טישן, בענקלעך, עסן, מוזיק, בלומען, בילדער, און מצוה טאנץ און אזוי ווייטער פאר קיין איין פרוטה אויף א גאלדענעם טאץ.

די מחותנים און חתן כלה דארפן בלויז אריינשפאצירן אויפ'ן אפגעשמועסטן דאטום און פראווען די שמחה און קוועלן פון נחת ווען מען שטעלט אויף א פרישע אידישע שטוב, אן קיין הארץ דריקעניש פון חובות און בזיונות.

מענטשן וואונדערן זיך, מען רעדט שוין יארן אין די אידישע עסקנות וועלט וואס שפעקולירט און פלאנירט טאג און נאכט מיט עצות און געדאנקען וויאזוי מען קען ראטעווען די אכציג-ניינציג פראצענט פון אידן וואס ברעכן אונטער ביים חתונה מאכן די קינדער.

מען האט שוין פרובירט תקנות, חתונה מאלס, אסיפות, דרשות, הסברות, עקספאוס, האט-ליינס, מארקעטינג פארמעסטן, ניגונים, און נאך פיל, און מען וואונדערט זיך פארוואס מען קען נישט פועל'ן לכל הפחות צו האלטן די חתונות ביי די סטאנדארטן פון נעכטן? פארוואס מיט יעדע חודש שפעטער "מוז" מען שוין אויסגעבן נאך "נאר

עטליכע טויזנט דאלער" נישט חלילה זיך אויפצורייסן, נאר פשוט צו הייסן א "נארמאלער" מענטש? מען קוקט זיך צו מיט אנגסט, און מען זעט ווי עס וואקסן ארויס יעדן טאג פרישע נייע "מנהגים" ווי אזוי א "נארמאלע אידישע שמחה" דארף אויסזען, דאס הארץ טוט וויי ווען מען שרייבט כסדר צו פרישע סעיפים אינעם "שלחן ערוך של הנארמאלע" פונקטליך וואספארא נייע מתנות מען איז שוין יעצט מחויב צו געבן, און אין די זעלבע צייט קומען כסדר צו נייע "ימים טובים" ווען מען "מוז" קויפן מתנות. אזוי אויך אויף די קליידער געבט מען חלילה נישט אויף, די מארקעטערס שלאפן נישט און באווייזן אריינצולייגן פרישע סעיפים אינעם שלחן ערוך פונקטליך וויפיל קליידער, שיך און שטריימלעך מען מוז קויפן, וויפיל מאל מען מעג אנטון א קלייד במשך די ימי השמחה, מען ארבעט אויס די פרטי ההלכה וויפיל מוז דער שטריימל קאסטן, עקסטער פאר'ן חתן, און מען איז מחזק די נייע תקנה אז די מחותנים מוזן זיך אויך קויפן א פרישע שטריימל ביי יעדן קינד'ס חתונה.

די חכמים זיצן ביי אסיפות וואס באשליסן וואס פארא מעבל "אידישע" פוירניטשור נארמאלע מענטשן קויפן. די מעניו וואס מען "מוז" געבן פארנעמט גאנצעטע בענדער אין "הלכות נארמאלקייט", עס איז אראפגעשריבן בפרטי פרטיות פונקטליך וואס פארא מעניו "באלעבאטישע" מענטשן מוז געבן ביי די ווארט, תנאים, לחיים, קידוש, קבלת פנים, און די חתונה, חלילה נישט אויסלאזן די שמארגערס באורד, און מיט וואס צו "מכבד זיין" ביים לאנגווייליגן "גראמען", אזוי אויך זיצן די "פארטי פלענערס" און ארבעטן אויס די וויכטיגע מעניוס פון די באווארפן, די פילע שבע ברכות, און שבת שבע ברכות.

אפגערעדט איז די חתונה נאכט, ווי יעדע נייע "מנהג" מוז מען מקיים זיין ביז מסירות נפש, מען מוז האבן א קעניגליכע זאל, יעדער מוז באקומען סערווירט א גאנצע פארציע אפילו רוב גייט אין מיסט, מען מוז באשטעלן מינימום קאפלס, מען מוז האבן אן "עכטע" לייוו בענד, זינגערס און שפילערס און לייטינג וואס מאכן זיך און יעדן משוגע, מען מוז טאנצן אזוי און אזוי, און דערנאך מוז איינער א "גראמער" גראגערן אין קאפ ביז צוויי אזייגער פארטאגס.

דער סוד ווי קהילת היכל הקודש האט דאס יא געקענט באווייזן, איז דער "כח הצדיק". מוהרא"ש האט יארן גערעדט דערפון און האט אין זיינער צייט געקענט אויסקוקן ווי א קול קורא במדבר, אבער ניין, דער צדיק'ס כח גייט נישט לאיבוד, ער האט איינגעזייט און איינגעפלאצט פאר פופציג יאר, און ברוך השם יעצט וואקסט ארויס די שיינע פירות וואס בליעט אזוי שיין לשם ולתפארת. דער צדיק לערנט אונז אויס צו קוקן אויף וואס עס איז וויכטיג אין לעבן. מען זאל קוקן וואס דער אייבערשטער וויל. און דער אייבערשטער וויל אז מען זאל חתונה האבן, און וואס פשוטער און גרינגער אלס שנעלער קען מען בעזר השם טון שידוכים און חתונה האבן. דער צדיק קלארט אונז אויס די אמונה, און ווען מען ווייסט אז דער אייבערשטער איז דא, ליגט שוין נישט די קאפ אין געפעלן פאר מענטשן, מען געבט נישט אויס קיין געלט - אפילו ווער עס דארף עס נישט בארגן - נאר כדי אז די אזוי גערופענע "חברים" זאלן כלומר'שט האלטן פון מיר.

דערפאר איז דאס א גרויסע שמחה ווען מען האלט דא אז מען האט אפגעצייכנט די הונדערסטע חתונה אין בית המדרש, און מיט'ן כח פונעם צדיק מוהרא"ש זי"ע, און מיט די חיזוק פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס שטארקט אונז אויף ווייטער, וועלן מיר ווייטער מצליח זיין צו אויפשטעלן א דור וואס וועט גיין לויט די מסורה אין די וועגן פון די פריערדיגע צדיקים.

אין א בריוו דעם פארגאנגענעם וואך שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א, "די וואך זונטאג איז געווען א חתונה אין ישיבה, און אם ירצה ה' קומענדיגע וואך זונטאג איז דא נאך א חתונה אין ישיבה, און אזוי אויך זונטאג פרשת חיי שרה וועט זיין א חתונה אין ישיבה. מוהרא"ש האט אונז געראטעוועט פון קראנק ווערן פון חובות, מוהרא"ש האט אונז געראטעוועט פון מאכן שמחות מיט פיין און פלאג. איך זע מיינע חברים מאכן חתונה, זיי געבן אויס געלט פאר גארנישט און פאר נישט, די דמיון נעבעך שפילט אין זיי אז מען וועט קוקן אויף זיי ווי שיינע לייט און זיי בארגן און דרייען זיך ארום אן א קאפ השם ישמרינו, זיי האבן נישט קיין הנאה פון די שמחה אליינס, מוהרא"ש האט מיט מסירות נפש אונז געראטעוועט פון דעם, עס איז כדאי דו זאלסט קומען צו יעדע חתונה אין ישיבה, ברענג אויך דיין ווייב, זאלן זיי זען ווי די גאנצע זאך איז א דמיון, מען דארף נישט קיין זאל, מען דארף נישט קיין בענד, מען דארף נישט קיין עכטע בלומען, מען קען זיין משונה פרייליך פון די חתונה אליינס, די חתן כלה דארפן נישט די אלע זאכן ארום, זיי האבן אמת'ע שמחה פון די חתונה אליינס, הלוואי זאלן אנדערע קהילות דאס נאכמאכן, ראטעווען אידישע קינדער פון די שרעקליכע צרה פון לעבן מיט חובות און נישט קענען הנאה האבן פון אייגענע שמחות."

# שפיגל

## בִּירנע

אנגעהויבן פון די אנהייב 1800ער יארן, זענען געווען גרויסע סייענטיסטן וואס האבן געוויסט אז מען קען מאכן אזא זאך ווי לעקטער, מען האט נאר נישט געוויסט ווי אזוי.

ביז דאן איז געווען פייער, מיט פייער האט מען ליכטיג געמאכט ווען עס איז טונקל געווארן, אינעווייניג אין א צימער האט מען נישט געקענט אנצינדן גרויסע פייערן וואס וואלטן איינגעהילט דעם גאנצן צימער אין א העלישע פלאם. האט מען געמאכט קליינע לעכט, וואס האבן פארשטייט זיך נישט גענוג ליכטיג געמאכט.

זענען געקומען קלוגע קעפ און צוזאמגעשטעלט אז ווען מען גיסט אריין עלעקטריציטעט אין א דראט ווערט דעם דראט אנגעהייצט און מאכט א קליינע פייערל וואס מאכט לעכטיג ממש אויף דאס מינומום וואב פעלט זיך אויס. אבער דאס האט געהאט פיל מיט פראבלעמען ווי געשריבן ווייטער.

יעדער וואס האט זיך נאר אריינגעלייגט אין די נושא האט געשטופט דעם וואגן אביסעלע פאראויס. איך קען מיך נישט אויס מיט לעקטער אזוי גוט, אבער לויט די היסטאריע ביכער פון דעמאלטס זעט מען אז אסאך האבן אריינגעלייגט ארבעט דערינען, אבער קיינער האט דאס נישט געטון מיטן ציל פון אנקומען אויף למעשה, נישט זעענדיג דעם "לייט" ביים ענדע פונעם טונעל.

למעשה ציענדיג און דרייענדיג האט מען זיך דערזען בערך 1850 און צוויי סייענטיסטן זענען געווען הייס אויפן געיעג צו זיין "דער" וואס וועט געדענקט ווערן אלס דער ערפינדער פונעם עלעקטערישער באלב.

איינער האט געהייסן טאמעס עדיסאן (באקאנט) דער צווייטער האט געהייסן דזשאסעף סוואן פון ענגלאנד.

סוואן איז בעצם געווען דער וואס האט געהאלטן דער ווייטסטער פאראויס, ער האט שוין ערפינדן דעם עלעקטערישער דראט וואס מאכט לעכטיג, אבער ווען ס'איז אנגעקומען א טראפעלע לופט האט די ליכטיגקייט וואס איז געווען א פייער זיך גלייך אויסגעלאשן. ווי אויך האט ער געארבעט אויף א וועג אז די עלעקטריק וואס פארט צו די ליכטיגע פייער/מאכענדע דראט זאל זיך נישט אפשטעלן און אז דאס לעקטערל זאל ברענען פאר מער ווי עטליכע סעקונדן.

סוואן איז אויפגעקומען מיטן געדאנק פון אריינלייגן דעם דראט אין א גלאז וואס זאל ארויסהאלטן די לופט פון אויסלעשן דעם פייער. אבער עס האט נאך געהאט פראבלעמען פון אקסיזשען וואס האט זיך אריינגעכאפט אינעם באלב און אויסגעבלאזן די לעכט, און נאך פילע פראבלעמען וואס איך פארשטיי נישט. שטילערהייט איז ער געווען דער וואס איז אויפגעקומען מיט אלע געדאנקען וואס האבן אריינגעברענגט דעם באלב אין עפעקט.

אין 1860 האט ער שוין געהאלטן ביי דעם אז ער האט געקענט ארויסנעמען א פאטענט אין ענגלאנד אויף זיין פראדוקט. עס האט נאכאלץ געהאט פיל מיט פראבלעמען, בעיקר דאס אז ס'האט נישט אנגעהאלטן פאר מער ווי אייניגע סעקונדעס.

שטעלט זיך דאך א שאלה, פארוואס ווען מיר הערן "סוואן", טראכטן מיר פון סוואן לעיק, און קיינער ווייסט נישט פון אט דעם "סוואן" וואס האט ארויסגעשטעלט דעם לייט באלב אויפן ארענע?

דער ענטפער איז אז ס'איז טאקע נישט געווען ער וואס האט עס למעשה ערגענצט.

ער האט נישט געהאלטן ביים ארבעטן שווער. ווען ער האט געזען אז ער מוטשעט זיך און קומט נישט אן אין ערגעץ, האט ער אפגעלאזט דאס גאנצע געשעפט און זיך געגאנגען זוכן אנדערע באשעפטוגונג מאטריאל.

אפגעקומען מיטן כבוד און געענדיגט. איבערלאזנדיג א האלבע געשעפט.

# א קוק אויף צוריק מיט א בליק אויף פאראויס

**שמואל אייכנשטיין**

מיט עטליכע פופצן יאר שפעטער, איז געקומען טאמעס עדיסאן, גענומען סוואן'ס ארבעט און אנגעהויבן בויען אויף דעם. ער האט אויסגעארבעט א פאטענט אז אינעם גלאז זאל גארנישט אריינגיין קיין לופט, ער האט געהאט היפש א גרינגע פעלד נאכדעם וואס א ריזיגע טייל פונעם מעשה איז שוין געווען פארטיג.

שפעטער האט סוואן צוריק אנגעהויבן ארבעטן אויף זיין בירנע, און אביסל געניצט די נייע טעכנאלאגיעס וואס זענען ארויסגעקומען אינדערצווישן פון ווען ער האט געלייגט זיין פראדוקט אויף פאזע.

ביידע האבן געענדיגט ערצייגן זייער בירנע בערך אין די זעלבע יאר.

סוואן האט געמאכט א פאטענט אין ענגלאנד באקומענדיג רשות צו זיין דער איינציגסטער אין ענגלאנד עס צו פארקויפן.

עדיסאן האט אין די זעלבע צייט געענדיגט זיין בירנע און ארויסגענומען זיין פאטענט אין אמעריקע ווערנדיג דערמיט דער איינציגסטער וואס מעג עס לעגאל פארקויפן אין אמעריקע.

טאמעס עדיסאן האט געגרינדעט אין אמעריקע די וועלט בארימטע קאן עדיסאן קאמפעני, און סוואן האט געעפענט אין ענגלאנד די סוואן עלעקטריק קאמפעני.

יעצט האט זיך אנגעהויבן די ריכטיגע מחלוקת, ווען ביידע האן געוואלט גיין גלאבאל און אנהייבן ציען עלעקטרידע דראטן כדאי די לעקטערס זאלן האבן פון ווי צו שלעפן זייער חיות, און עס האט אנגעהויבן ווערן א צווישנשייד צווישן די צוויי, ווען ביידע האבן געוואלט באקומען די גרויסע קאנטראקטן און זיין דער גרעסטער.

אביסעלע שפעטער האבן זיי זיך צוזאמגעשטעלט אלס דער עדיסוואן עלעקטריק קאמפאני, טאמעס עדיסאן האט אנגעפירט מיט די אפעראציעס און דזשאסעף סוואן האט אויך באקומען א שטיקל פאזיציע.

וואו דער מחלוקת האט זיך אנגעהויבן איז געווען ווער עס באקומט קרעדיט פאר דעם.

סוואן האט געהאלטן אז די קרעדיט איז זיינער, ווייל ער איז געווען דער ערשטער, און אויך דער וואס האט פאקטיש פאבריצירט דעם ערשטן פונקציאנירענדער לייט באלב. אפילו עס איז נישט געווען פערפעקט.

עדיסאן האט געהאלטן אז ער איז דער וואס האט ארויסגעשטעלט א גרייטע פראדוקט פאר עולם צו הנאה האבן, און ער פארדינט די כבוד.

למעשה איז געווארן ווי פאלגענד.

עדיסאן אזוי ווי ער האט זיך נישט דערשראקן פון די שוועריגקייטן, און אנדערש ווי סוואן האט ער זיך נישט אפגעשטעלט ווען ער האט זיך אנגעשטויסן אין א שטרויכלונג, באקומט ער די קרעדיט אלס זיינער.

סוואן ווייל ער האט זיך אפגעשטעלט ווייסן רוב מענטשן נישט אפילו פון זיין נאמען.

ווייל דער וואס ווערט נישט צופאלן ווען עפעס גייט שלעכט, ער איז דער וואס קומט אן צום סוף.

און דער וואס גיבט נישט אויף נאכן פרובירן איינמאל, און נאכן מאכן איין ביסעלע התבודדות. נאר שטופט און רוקט פאראויס און לאזט זיך נישט פונעם יצר הרע, ער וועט צום סוף אנקומען.



גרשון קרעמער



# פרישע געניאלע ערפינדונג - א צוזאמלייג שטריימל

"מען קען שוין ווידער פארן קיין אומאן מיט א קליין רענצל - זאגן מאנכע. וואס איז די מעשה? פארוואס זאל מען נישט קענען?

אין די לעצטערע יארן - זעט אויס ווי עס איז געווארן א פארמעסט צווישן די שטריימל סוחרים ווער עס קען גיין העכער. דער שרייבער געדענקט נאך אין די תקופה ווען די שטריימלער האבן אנגעהויבן צו "וואקסן" און מען האט זיך גערווערטלט "איין טאג וועלן נאך די שטריימלער ווערן העכער ווי די ספאדיקס", דאס איז דאן געווען אן עכטע וויץ. היינט זאג אזא סטעיטמענט, און קיינער וועט נישט פארשטיין וואס דו רעדסט. "מיינסט צו זאגן אז די ספאדיקס וועלן ווערן אזוי הויך ווי די שטריימלער?" וועט ער פרעגן.

נו, וואס איז דער פראבלעם גרשון? ווער זאגט עס איז א פראבלעם? אקעי, וואס ווילסטו צוקומען? איז אזוי. אין די לעצטע יארן איז געווארן שווערער און שווערער צו רייזן מיט א שטריימל, די שטריימל באקס איז געווארן ממש א ריזיגע רענצל פאר זיך. אויף אזוי ווייט אז דער ראש ישיבה האט געדארפט רעדן ביי די דרשות אז מען זאל נישט לאזן דעם שטריימל אינדערהיים ווען מען קומט צום רבי'ן אויף ראש השנה. מען דארף קומען צום רבי'ן מיט דרך ארץ מיט א הוט און רעקל פאר די וואכן טעג, און מיט שטריימל בעקיטשע אויף שבת און יום טוב.

עס זעט אויס אז עס געקומען צו א מצב וואס מענטשן האבן געזאגט פאר די סוחרים "גענוג איז גענוג", אויב די שטריימלער ווערן נאך אפילו מיט איין מילימעטער העכער וועט מען שוין דארפן צוצאלן פאר "אווערסייז" ביים עירפארט.

יעצט איז געקומען קליין'ס שטריימלער מיט א רעוואלוציאנערע איינפאל: "צוזאמלייג שטריימלער" ער פארשפרעכט צו ערצייגן געהעריגע ברייטע הויכע שטריימלער וואס מען וועט קענען אפטיילן די האר פונעם קאפל, עס צוזאמלייגן פלאך, און דערנאך עס צוריק באהעפטן צום קאפל מיט א וועלקרא און סנעפ, און דעטס איט! דער שטריימל איז גרייט צו באקרוינען דעם מענטש.

יעצט קענען שוין די שטריימלער ווייטער וואקסן און בליען נאך העכער און שענער ווי קיינמאל בעפאר, ביז דער שטריימל וועט אנקומען צום קומענדיגן אבסטיקל. ווייל פאר'ן שטריימל צו וואקס און ווערן העכער פון א רענצל וועט נאך האפענטליך נעמען א שטיק צייט...

מען דערציילט א מעשה אויפ'ן הייליגן רבי'ן זי"ע פון סאטמאר, אז ווען ער איז אנגעקומען קיין אמעריקע איז קיינער נישט געגאנגען אויפן גאס מיט א שטריימל שבת, עס איז געווען פשוט אז "מען קען נישט גיין אזוי פאני אין אמעריקע". די גאס איז נישט דער מורה דרך פאר א צדיק, און עס קומט שבת, דער הייליגער רבי טוט זיך אן זיין שטריימל, און וויל גיין אין בית המדרש. דער גבאי' ווערט אויפגעציטערט "רבי', דא אין אמעריקע גייט מען נישט אזוי". אבער דער רבי טוט נישט וואס "מען" טוט, ער טוט וואס איז ריכטיג. דער גבאי גייט ארויס מיט'ן הוט, און ער האט "בושות" ווען ער באגלייט דעם הייליגן צדיק מיט'ן מאדנעם הארינגן הוט צום בית המדרש. די לצים האבן אוודאי נישט אנטוישט, "רבי", זאגט דער גבאי שטיל אינעם אויער פונעם צדיק, "מען לאכט! דער עולם שרייט אז עס איז א חילול השם". דער רבי דרייט זיך אויס צו גבאי' מיט זיין זיסן שמייכל, "מען לאכט פון אייך, איר גייט מיט א הוט אום שבת"...

מיר וועלן גיין אין די וועגן פון הייליגן רבי'ן, און נישט פרעגן די גאס וואס איז שיין און וואס איז נארמאל, וואס איז ריכטיג און וואס איז פראסט. מיר טוען אן שבת אונזערע שענסטע מלבושים, ווייל דאס איז שיין ביים אייבערשטן. און מיר וועלן זיך נישט נאר פרייען פאר די בילדער, נאר מיר וועלן זיך פרייען מיט'ן זכות אז מיר קענען היינט שבת, מיר וועלן זינגען און טאנצן מיט די קינדער. און אזוי וועלן מיר קענען ווייטער ציען שיינע לעכטע אידישע דורות.

B"H

Shop easily




shop.breslevcenter.com

IDEA. 8457769664

# דאס איז מיין טאטע

דורכאויס די צייט וואס מיין טייערע טאטע ז"ל הכ"מ, איז געלעגט פארשלאפט און אונמאכט, און פארשטייט זיך דורכאויס די טעג פון שבעה, האב איך זיך אסאך מתבונן געווען אין זיינע מעשים טובים, זיינע אייגנארטיגע לעבנ'ס שטריכן, זיין תורה ותפילה, זיינע מידות און אמונת חכמים.

איך האב זיך אויך מתבונן געווען וויפיל הכרת הטוב איך קום פארן ראש ישיבה שליט"א פארן אויפבויען מיין כיבוד אב ואם, פארן אריינגעבן אין מיר דורך די דרשות און בריוון, און אזוי אויך פערזענליכע הוראות, צו האבן "אנקאנדישענל" ליבשאפט, שעצונג, געטריישאפט, צייט, כבוד און עהרע פאר טאטע מאמע.

דער ראש ישיבה שליט"א פלעגט מיך אלץ מחזק זיין און שטופן צו גיין מער אפט באזוכן מיינע עלטערן, און ווען מיינע געשוויסטער האבן זיך איינגעטיילט צו נעמען שיפטס צו זיין מיט מיין טאטע אין שפיטאל האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט: "דו כאפ די ערשטע די געלעגנהייט צו גיין באזוכן דיין טאטע, נישט ווארט אז קודם זאלן די עלטערע געשוויסטער נעמען שיפטס און דו נאכדעם, כאפ צוערשט די זכותים".

*

עס איז נאטורליך אז געוויסע קינדער שעמען זיך מיט זייערע עלטערן, למחצה לשליש ולרביע, בפרט ווען די עלטערן זענען שוין אין די עלטערע יארן. דער ראש ישיבה האט אויפגעבויט אין מיר די מצוה פון טייער האלטן מיין טאטע ז"ל און להבחל"ח מיין מאמע תחי' מיט א שטארקע אידישע שטאלץ, און מיין טאטע ז"ל פלעגט מיר אפענערהייט זאגן ווי ער שפירט דאס.

עס איז געווען א תקופה וואס מיין טאטע ז"ל האט צוליב א געזונטהייט קאמפליקאציע ל"ע זיך נישט געקענט געהעריג באלאנצירן, ער האט געדארפט הילף ביים גיין. אין יענע תקופה האט איינער פון מיינע ברידערס געמאכט א שמחה אין קרית יואל, און ב"ה איך האב געהאט די זכי' צו באדינען מיין טאטע ז"ל יענע שבת, אים טראגן און ברענגען פון און צו די אכסניא מיט די וויל טשעיר. מען האט מכבד געווען מיין טאטע ז"ל מיט אן עלי' יענעם שבת, און איך האב געהאט די כבוד און זכי' צו גיין צושטייטעלעך מיט מיין טאטע צום באלעמער, טריט ביי טריט, ער זאל ח"ו נישט פארלירן זיין באלאנס, פאר די אויגן פון די גאנצע געפאקטע גרויסע בית המדרש אין קרית יואל.

די קלימאקס איז געווען ווען ער איז שוין געשטאנען ביים ספר תורה צו עולה זיין, ער האט געקענט שטיין אליין אבער איך האב אים גערדארפט אנהאלטן ביי די צוויי זייטן ער זאל ח"ו נישט אראפפאלן, איך האב זיך דעמאלט געפילט - שטייענדיג אויפן באלעמער ביי די ספר תורה אנהאלטנדיג מיין טייערע טאטע דורכאויס די עלי' - ווי דער גרעסטער מיליאנער, טראכטנדיג: 'דאס איז מיין ליכטיגע טאטע, איך באדין אים, איך וועל טון פאר אים וואס איך קען נאר צו פארגרינגערן זיין לעבן בעז"ה', איך האב זיך געשפירט אזוי גליקליך, אזוי מיוחס'דיג; שכח ראש ישיבה פאר די טייערע מתנה.

*

איך האב איינמאל געפרעגט דעם ראש ישיבה שליט"א, אז מיינע קינדער גלייכן נישט צו עסן טשאלנט שבת, מ'דארף עס זיי אריינרוקן מיט חכמות און מעשה'לעך, האבן מיר איין וואך פרובירט אן עצה, מיר האבן צוגעשטעלט אן עקסטערע טאפ טשיקן זופ פאר שבת צופרי וואס דאס גלייכן זיי יא, און עס האט געארבעט וואונדערליך, זיי האבן דאס געגעסן מיט גרויס אפעטיט און עס איז געווען א מחי', האב איך געפרעגט דעם ראש ישיבה אויב דאס איז ריכטיג, האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט אז עס איז נישט ריכטיג, אפשר על פי הלכה איז עס אויסגעהאלטן, אבער די מנהג איז צו עסן טשאלנט און מיר זאלן זיך אזוי פירן.

דער ראש ישיבה איז דערנאך אריין אין א לענגערע שמועס איבערדעם, (עס איז געדרוקט אין קונטרס אשית עצות בנפשי ק"ב, פרשת בלק, תשפ"ה, עמוד כב), און דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "וואס שטערט דיר צו מאכן די יאנטשי שבת סעודות וואס דו האסט געזען ביי דיין טאטן...?"

*

ווען איך האב בר מצוה געהאט איז געווען א פארמעסט אין מיין כתה אין חדר ווער עס גייט האבן די טייערסטע תפילין, די פרייז פון די מער ארויפגעקוקטע און באלעבאטישע קינדער איז געלאפן ביי ארום 1200/1500 דאלער די תפילין מיט די בתים (די תפילין בייטלעך איז נאך דעמאלט נישט געווען אזא נושא ווי היינט...), ווען עס געקומען צו מיינע תפילין האט מיר מיין טאטע ז"ל געזאגט אז נאך אביסל גייט מען דיר שוין

באשטעלן תפילין ביי דעם און דעם סופר, מיין טאטע האט צוגעלייגט אז ער איז זייער אן ערליכער אינגערמאן, א גרויסער ירא שמים. איך האב געפרעגט מיין טאטן וויפיל עס גייט קאסטן, האט ער מיר געזאגט ארום 850 דאלער, איך בין געווארן רויט פון בושה... וואס וועל איך זאגן פאר מיינע חברים אין כתה, אז איך האב אזעלכע פשוט'ע און ביליגע תפילין, עס קאסט נאר 850 דאלער.

האב איך געפרעגט מיין טאטע פארוואס ער וויל נישט נעמען מער טייערע און מהודר'דיגע תפילין ביי מער טייערע סופרים? (איך האב נאכנישט געהאט דעמאלט די היכל הקודש שכל אז מ'טענה'ט זיך נישט און מ'האלט נישט ח"ו פָאר א טאטע...), האט מיר מיין טאטע געזאגט אז דער סופר איז א גרויסער ירא שמים און אן ערליכער איד, און ער וויל נעמען די תפילין ביי אים. מיין טאטע האט אויך צוגעלייגט אז ער איז אן אייניקל פון חתם סופר זכותו יגן עלינו, און עס שמעקט אים זייער צו נעמען די תפילין ביי אים. שוין, בלית ברירה האב איך דאס אנגענומען, און זיך געגרייט צו מיין בר מצוה.

אסאך יארן זענען פאריבער, עס איז געווען איין זומער ווען איך בין געווען אין א קאנטרי, איך בין געווען אין א חשוב'ע סביבה פון כולל אינגעלייט און רבנים, איין טאג איז אנגעקומען דארט א איד פון ארץ ישראל, א גרויסער בתים מאכער, וואס איז ארומגעפארן דורכאויס זומער אין די קאנטרי'ס אננעמען נייע באשטעלונגען און בודק זיין בתים, אלע אינגעלייט האבן אים געגעבן זייערע בתים בודק צו זיין, א חלק האט ער געזאגט אז מ'דארף עס איבערפארבן, פאר א חלק האט ער געזאגט אז מ'דארף דאס פאררעכטן, יענץ פאררעכטן, פון א חלק בתים איז ער געווען צופרידן. ווען עס איז געקומען צו מיינע תפילין האבן זיינע אויגן אויפגעלאכטן, ער האט מיך פינקטלעך אויסגעפרעגט ווער ס'האט געמאכט מיינע בתים, ער זאגט אז ס'איז זייער זעלטן צו זען אזעלכע שיינע מהודר'דיגע בתים...

איך האב געדאנקט דעם אייבערשטן פאר מיינע שיינע תפילין וואס מיין טאטע האט מיר געקויפט און זיך געשעמט פארוואס איך האב ווי געטון מיין טאטע ז"ל און זיך געשעמט ביי די בר מצוה מיט מיינע יאנטשי



תפילין פון אן ערליכער אבער נישט אזוי פאפולערער סופר און בתים מאכער.

*

מיין טאטע ז"ל איז געווען א מוסטער פון אמונת חכמים און הכנעה פאר א גוטער איד, ער פלעגט אונז כסדר נעמען צו צדיקים און גוטע אידן, אזוי אויך ווען עס פלעגן קומען רבי'ס און רבנים צוגאסט אין וויליאמסבורג פלעגט ער אונז נעמען צו די טישן וכדומה, אזוי אויך חנוכה און אנדערע יומי דפגרא'ס פלעגט ער אונז נעמען צו צדיקים און רבי'ס, דאס איז געווען אויסער אונז נעמען כסדר צום סאטמער רבי בעל ברך משה זצ"ל וואו מיר זענען אויפגעוואקסן, אלץ מיט די גרעסטע מאס ביטול און הכנעה. מיין טאטע ז"ל האט מיר געשאנקען א מתנה א שנעלע פאספארט און שפעזן צו קענען פארן די ערשטע מאל צום הייליגן רבינ'ס ציון קיין אומאן, און ער זעלבסט האט אויך זוכה געווען צו זיין אין ראש השנה ביים הייליגן רבינ'ס ציון אין אומאן.

*

מיין טאטע ז"ל איז אונז געווען א מוסטער ווי אזוי צו מכבד זיין א ווייב, יעדע פרייטאג פלעגט ער מיט אונז אויסקלויבן די שענסטע בלומען אהיים צו טראגן לכבוד שבת פאר להבחל"ח מיין מאמע תחי', און ווען ער האט געטראפן א שיינע זאך וואס ער האט געוואוסט אז מיין מאמע תחי' וועט הנאה האבן האט ער איר דאס אהיימגעברענגט.

ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט מנחם אבל געווען ביי אונזער משפחה, האט ער דערציילט פאר מיין מאמע תחי', אז אין די לעצטיגע תקופה האט אים איינמאל להבחל"ח מיין טאטע ז"ל דערציילט און זיך אויסגעקרעכצט וועגן זיינע איבערגייאכצער אין געזונט, ווי ער ליידט פון דעם מיחוש און פון דעם קרענק ל"ע, אבער ער האט אויסגעפירט: "איין זאך וואס איז מיך מחי' און געבט מיר לעבן, דאס איז די מתנה וואס דער אייבערשטער האט מיר געשאנקען, מיין אשת חיל, וואס העלפט מיר אויף טריט און שריט אזוי געטריי"; דאס האט אונז מיין טאטע געלערנט, האבן הכרת הטוב פאר די ווייב נאכאמאל און נאכאמאל, און דאס ארויסווייזן אויף אלע מיני וועגן.

**יהא זכרו ברוך, אאמו"ר הרב רבי ברוך יהודא בן הרב רבי שלום זצ"ל**

# אידנו

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

חברי הנהלה

## עלעקשענס רעזולטאטן

אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס די גאר וויכטיגע מידה פון הכרת הטוב, טוען די שטעטל איינוואוינער עס ארויסווייזן ווען זיי גייען שטימען פאר די באמטע וואס העלפן כסדר ארויס.

פאראגאנגענע וואך איז פארגעקומען עלעקשאנס ווען עס איז די צייט צו ארויסגיין שטימען.

שוין א וואך פארדעם איז געווען די 'ערלי עלעקשאנס' פריע וואלן וואס דעמאלסט האט מען געקענט שטימען יעדן טאג פון די וואך ביי זייער בנין וואס איז ממש א מינוט פון שטעטל.

עס קומט זיך א געוואלדיגע דאנק פאר די שטעטל איינוואוינער, אז יעדער איז ארויסגעגאנגען שטימען וואס פריער פאר די קאנדיטאטן וואס זענען ארויסגעשטעלט געווארן דורכן הנהלה, וואס דאס געבט מיטן אייבערשטנ'ס הילף די מעגליכקייט פאר די הנהלה צו באקומען די הילף פון די באאמטע ווען עס פעלט אויס סיי פאר די כלל און סיי פאר יחידים.

די יעצטע שעריף האט זיך זייער געבעטן פון די הנהלה אז ער דארף אונזערע שטימען וויבאלד זיין קעגענער איז געלאפן מיט א 'רייד-אין קאמפיין', דאס מיינט אז מען זאל אריינשרייבן זיין נאמען אין די באלעט ביים שטימען, נאכדעם וואס ער האט פארלוירן אין די פריימערי וואלן פאר א האלבע יאר צוריק.

למעשה האט די ביז יעצטיגע שעריף טאקע געוואונען מיט איבער ניין טויזענט שטימען, אפילו אין צייט וואס זיין קעגענער האט באקומען כמעט פינף טויזענט שטימען פון מענטשן וואס האבן אריינגעשריבן זיין נאמען אויפן בעלאט.

אויך די צוויי ביז יעצטיגע ליבערטי קארט ריכטערס האבן נאכאמאל געוואונען און זייערע קעגענער האט פארלוירן.

אויף למעשה בלייבט נאר איבער צו בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל ווייטער קענען בויען די שטעטל און מחנך זיין אונזערע קינדער אויפן וועג ווי דער הייליגער רבי לערנט אונז.

וואס איז נייעס

## הודעות והוראות

## "סטאר פראגראם - טעקס טשעקס"

אלע וואס האבן א הויז ווי זיי וואוינען דארט (נישט קיין אינוועסטמענטס), קענען יעדעס יאר באקומען די 'סטאר טשעק' פון די שטאט וואס דאס איז א טעקס ריפאנד טשעק.

כדי צו באקומען די טשעק דארף מען זיך איינמאל אויפסיינען פאר דעם, מען קען עס טון אנליין

www.8.tax.ny.gov/OSIN/osinHome

אדער דורכן טעלעפאן 518-457-2036

## ברוכים הבאים

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען די חשוב'ע משפחה

מו"ה **בנימין זאב זוסמאן** הי"ו

וזוגתו לאה אידל תחי'

וואס האבן זיך אריינגעצויגן אין שטעטל

**קרית ברסלב ליבערטי**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן קענען אסאך צוגעבן פארן שטעטל, און האבן הצלחה וברכה בכל מעשי ידיהם.

# א ווארט צוליי

זאגן וואס
פארדינען
שטערכלער

בערל שניצלער

## פאראמעטעדזש

"נעכטן אינמיטן נאכט בין איך געפארן אויף א הצלה קאלל, אויפן וועג האט א הערש גאר שנעל אריינשפאצירט אין מיר, איך האב דאס זעלבע געטון צו אים און מיין קאר איז צוקנייטשט געווארן, איך האב גלייך געזאגט פאר אייבערשטן: "באשעפער, איך פארשטיי נישט קיין רמזים, וואס מיינט עס?"

שפעטער האב איך געטראכט צו זיך, 'דו דארפסט טאקע לויפן ראטעווען א איד, אבער אויפן וועג קענסטו קיינעם נישט איבערטרעטן... דו ביסט א מלמד, ווילסט כאפן די גאנצע וועלט, ראטעווען אלע קינדער און אריינלייגן אין זיי די מאקסימום, אבער דו דארפסט אכטונג געבן קיינעם נישט איבערצוטרעטן...'

די פלפול קען גיין ווייטער, צבי איז בגימטריא אמונה, וכו'... אבער אפילו מ'לאזט עס דא איז עס א שטארקע וועיק אפ קאלל..."

**– המלמד ופאראמעדיק ר' יחזקאל סאמעט אין מלמדים שטיבל**

## מקור הפעיר פרעשור

"פעיר פרעשור - א ווארט וואס יעדע טעראפיסט מאכט שווערע געלטער דערויף, און די סיבה פארוואס א מענטש אן דער ראש ישיבה ליידט דערפון און דו נישט איז זייער פשוט: יעדע מענטש דארף האבן א מקור ווי ער שעפט חיות, אן חיות און ליבשאפט איז אויס מענטש, נו אז די לימוד פון וויסן און געדענקען אז דער אייבערשטער האט אים ליב האט ער נישט, די לימוד פון היילגן רבי'ן פון טרעפן אין זיך א נקודה טובה האט ער אויך נישט, נו מוז ער קויפן דעם שטריימל פונעם שכן, ס'איז זיין איינציגסטע סאורס פון חיות... און אזוי ווייטער יעדע מענטל העלט אישו ווערט געסאלווד ביים רבי'ן!"

**– אליעזר זוסיא ווערטהיימער אויף קרעמל**

## זיצן טרעניג'ינג

"ס'איז גרינגער צו זיצן פאר צען שעה אויף א וועג א באס א טרעין, ווי צו זיצן שבעה אין מינוט."

**– ר' יואל שניצלער ווען א איד אין בית המדרש האט זיך אפגערעדט אויף זיין נסיעה קיין אומאן**

## ר' אהרן וועבערמאן - א מיליאנער

אין א שמועס אויף די ברסלב'ע ברודער מיט ר' אהרן וועבערמאן הי"ו האט מען אים געפרעגט אויב ער קען מאכן א חשבון וויפיל ער געלט ער האט זיך שוין געשפארט ביים חתונה מאכן די קינדער בילוג און פשוט אויפן וועג וויאזוי דער ראש ישיבה לערנט אויס, די נומבער איז געווען עפעס וואס הערט זיך ממש ווי א פאנטאזיע, "א מיליאן דאלער"!... ווערטער זענען איבעריג.

**– ר' אברהם הערש נאכן רעקארדירן דעם שמועס**

## מגביה שפלים עדי מרום

דער ראש ישיבה האט געזאגט

"וואס איז די נידריגסטע זאך אויף די וועלט? א בהמה, נישטא קיין דעת, ס'איז גארנישט דא, יעצט נעם דעם ווייטסטן ווייטסטן איד, א גארנישט, ער קומט נישט אין בית המדרש, ער האט נישט קיין גארטל, ער האט צוויי קנעפלעך אפן, אן שטרומפ, אן אינטערעסאנטער מענטש... און ער וועט ארויסזאגן איין ווארט אויף דעם בהמה "הרי זו חטאת" ווערט עס קודש קדשים, נו זעסטו שוין וואספארא כח הדיבור א איד האט!..."

**– חיזוק יומי זונטאג ויראי**

# מעשיות פון תפילה




אלחנן זויבערמאן

צפת


אפאר טעג פאר די נסיעה קיין אומאן בין איך געגאנגען איינהאנדלען עסן מיט נאש, פאפיטעס מיט ניס פאר די וועגן און פאר שבת ויו"ט. איך בין געגאנגען צו די פאפיטעס געשעפט און געקויפט וואס כ'האב געדארפט.

איך קום אהיים זע איך אז עס פעלט מיר די פאפיטעס. אויף מארגן בין איך צוריק צום געשעפט זוכן אויב ס'איז בטעות דארט געבליבן. למעשה האב איך גארנישט געטראפן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל נישט דארפן קויפן נאכאמאל, איך בין געגאנגען פרעגן דעם פארקויפער וואס צו טון. יענער האט גערופן דעם אויבערהאר, און גערעדט מיט אים אין א ווינקל.

נאכדעם קומט ער צוריק צו מיר און ער זאגט אז בעצם האט ער גארנישט געטראפן אין געשעפט און ס'איז נישטא וואס צו טון אבער אויב איך וועל קומען אויף מארגנס ווען דער מענעדזשער איז דא, וועט ער אפשר מסכים זיין.

האב איך אים געענטפערט אז היינט נאכט פלי' איך שוין ארויס קיין אומאן.

יענער, א אידל אן א קאפל ליידער, פרעגט מיך "וואו פארסטו צו 'רבינו'?" האב איך געענטפערט אז יא.

"דעמאלטס נעם דיך וואס דו ווילסט, וויפיל דו ווילסט און איך צאל עס! נעם מיין נאמען און זיי מתפלל פאר מיך ביי 'רבינו'..."

מי כעמך ישראל, אידן זענען וואויל און תמימות'דיג.



# וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּגֵיין צוּ מַיין חֲתוּנָה מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט?



## שאלה

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, נִיגוּנִים, אוּן חִיזוּק, וָואס אִיז מִיר אַזוֹי שֵׁיין מַדְרִיךְ אוֹיפְ'ן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' אַ חָתָן גֶעוָוארְן, דִי חֲתוּנָה אִיז אִין עֶטְלִיכֶע חֲדָשִׁים, אָבֶּער וִוי נֶענְטֶער עֶס וֶוערְט צוּ דִי חֲתוּנָה וֶוער אִיךְ מֶער נֶערְוֶועז אוּן דֶערְשְׁרָאקְן, אֶפְשָׁר אִיז דָאס נִישְׁט מַיין רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ? אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט אִיר? דִי כַּלָּה אִיז נִישְׁט אַזוֹי שֵׁיין, וִוי אַזוֹי וֶועט זִי מִיר הֶעלְפְן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן? אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּין אִיךְ פוּל מִיט בִּלְבּוּלִים אוּן פְּחָדִים. אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאל קֶענֶען צוּגֵיין צוּ דִי חוּפָּה פְרֵיילִיכְעֶרְהֵייט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הַחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן דוּ בִּיסְט שׁוֹין גְרֵייט צוּם חוּפָּה גֵיין; לָאז אָפּ דִי נַארִישֶׁע מַחְשָׁבוֹת וָואס בּוּזְשֶׁעוֶוען אִין קָאפּ: 'אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע דַיין בַּאשֶׁערְטֶע', דָאס אִיז אַלֶעס עֲצַת הַיֵּצֶר הָרָע וָואס פַארְגִינְט נִישְׁט אַז דוּ גֵייסְט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן אָדָם הַשָּׁלֵם, דוּ גֵייסְט אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן בִּקְדוּשָּׁה וּבְטַהֲרָה.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פַּחַד אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קֶענֶען לֶעבְּן מִיט אִיר בְּשָׁלוֹם וְכוּ'; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין דִיר, אַז דוּ וֶועסְט זַיין אַ וַתְּרָן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט זוּכְן אוֹיסְצוּפִירְן וֶועסְטוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, נֶעם זִיךְ פָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט זוּכְן אוֹיסְצוּפִירְן וֶועט דִיר גוּט זַיין. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ וֶוען דִי וַוייבּ אִיז גֶערֶעכְט, מֶען וֶוערְט נִישְׁט קְלֶענֶער וֶוען זִי אִיז גֶערֶעכְט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זַיין אַ גֶעבִּיגֶער; זָאלְסְט נִישְׁט זַיין אַ קַמְצָן, סַיי מִיט גֶעלְט אוּן סַיי מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, זָאלְסְט אִיר שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּן גֶעלְט אוּן אִיר בַּאגִיסְן מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער.

בְּנוֹגֵעַ שְׁמִירַת עֵינַיִם וְכוּ'; נָאךְ דִי חֲתוּנָה דַארְף מֶען וַוייטֶער אַרְבֶּעטְן אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם. עֶס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז אֵיינְמָאל מֶען הָאט חֲתוּנָה הָאט מֶען מֶער נִישְׁט קַיין נִסְיוֹנוֹת, מֶען הָאט וַוייטֶער דִי זֶעלְבֶּע נִסְיוֹנוֹת נָאךְ דִי חֲתוּנָה, נָאר עֶס אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט אַ וַוייבּ, אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ וַוייטֶער הִיטְן דִי מַחְשָׁבָה אוּן דִי אוֹיגְן. מֶען דַארְף וַוייטֶער שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "'הַעֲבֵר עֵינַי מֵרְאוֹת שָׁוְא', הִיט מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן בָּזֶה וּבַבָּא".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

*(עצתו אמונה תולדות תש"פ)*

גרשון קרעמער



# ראדיא כוואליעס

## שאלה

**א גרויסן יישר כח פאר אייער הערליכע וועכנטליכע ארטיקלען!**

**איך וואלט געוואלט פארשטיין ווי אזוי ראדיא אנטענעס ארבעטן. קענט איר עס ביטע מסביר זיין?**

**נ.ב., קרית ברסלב**

## ענטפער

דו פרעגסט זייער גוט, איך וועל פרובירן עס צו ענטפערן דאס בעסטע וואס איך קען, כאטש איך אליינס פארשטיי אויך נישט אינגאנצן.

א ראדיא אנטענע ארבעט אזוי: עס שיקט אדער כאפט אויף אומזעבארע ענערגיע כוואליעס פון דער לופט. ראדיא כוואליעס זענען א סארט "עלעקטראמאגנעטישע" כוואליע - אזוי ווי ליכטיגקייט כוואליעס, אבער וויבאלד זיי זענען "לענגערע" כוואליעס, קענען אונזערע אויגן עס נישט זען.

ווען איינער רעדט אריין אין א ראדיא מיקראפאן, ווערט זיין קול פארוואנדלט צו עלעקטרישע סיגנאלן, און דערנאך "שטופט" די אנטענע ארויס די סיגנאלן צו די לופט אלס "ראדיא כוואליעס", וועלכע פארן מיט אן אומגעהויערע שנעלקייט, "ליכט שנעלקייט" וואס פליעט בערך 186,000 מייל א סעקונדע!

ווען די אנדערע אנטענע וואס איז אנגעשטעלט אויפצוכאפן יענע כוואליעס "שפירט" אז די כוואליע איז אנגעקומען צו אים, וועט די אנטענע צוריק איבערטוישן די ראדיא כוואליעס צו עלעקטרישע סיגנאלן, און דער מאשין געבט עס ארויס אלס א הערבארע שטימע. אזוי ארום קען א מענטש "הערן" וואס עס ווערט געזאגט אין א ווייטע פלאץ.

אויב מיר וואלטן ווען געקענט זען ראדיא כוואליעס, וואלטן מיר געזען די לופט ארום אונז פול מיט מיליאנען כוואליעס וואס פליען ארום - נייעס ראדיאס, עמערדזשענסי קאמוניקאציעס, עראפלאן סיגנאלן, הצלה און פאליצייי ראדיאס, ווײַ-פיי, בלו-טוט, און נאך אסאך - אלע פליען דורך נעבן אונז אן דעם וואס מיר זאלן עס הערן, זען אדער שפירן.

אבער מיט דעם ריכטיגן "אנטענע", קענען מיר ליינען און הערן די אלע מעסעדזשעס וואס קומען אין אונזער ריכטונג.

דאס מיינט מען טאקע אונז. דער אייבערשטער שיקט אונז מעסעדזשעס, מיר קענען זיין בלינד שטום און טויב, און זיך פארהוילן דערפון חס ושלום. אדער קען מען צוהערן דעם צדיק, דער וואס כאפט אויף די אלע מעסעדזשעס און געבט אונז אלעס וואס ער האט, אלעס אונז צו העלפן מיר זאלן קענען פארשטיין און הערן וואס דער אויבערשטער וויל פון אונז.

עס איז דא א בחירה, מיר קענען הערן די נייעס ראדיאס, און ווערן דערשראקן אז דאס מאל איז די ענדע פון די וועלט. מאמדאני ווערט מעיאר פון ניו יארק סיטי, וואס וועט זיין? עס איז דא א גאווערמענט פארשליסונג, אלעס איז פארמאכט. יעצט קומט אזא מאכטפולע האריקעין וואס ניו יארק האט נאך קיינמאל נישט געזען. פוטין האט ערצייגט א פרישע וואפן וואס פארשעמט יעדע אנדערע באמבע. ווילסט הערן נייעס: עס איז נישטא קיין נייעס. די אלע באמבאסטישע קעפלעך פון די צייטונגען זענען כסדר די זעלבע זאך, זיי ווערן נישט מיד פון דערשרעקן און פארפאניקן. דאס איז זייער אויפגאבע, פאר דעם זענען זיי דא.

איך האב פאר אייך אנדערע נייעס. נייעס וואס וועט אייך העלפן אין לעבן. משניות איז מיין נייעס. די סדרה פון די וואך איז מיין נייעס. וואס איז די העדליינס היינט? "אליעזר עבד אברהם פאלגט זיין רבי אברהם אבינו אויף טריט און שריט". נאך א נייעס? "יצחק אבינו טרעפט זיין שידוך נאך אסאך תפילות".

מען דארף בלויז אנשטעלן די אנטענע צום ריכטיגן פריקווענסי, און די מעסעדזשעס קומען דורך קלאר.

**הקול קול יעקב**

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com 845-445-7447



# ראבאט

## שאלה

**א גרויסן יישר כח ר' גרשון.**

**איך האב לעצטנס געהערט שמועות אז אילאן מאסק אנטוויקלט א ראבאט וואס זאל קענען טון אלע סארט געוועינליכע שטוב ארבעט ווי קאכן, רייניגן, וכדומה.**

**אויך זאגט מען אז ער וויל עס מאכן גענוג ביליג אז פשוט'ע מענטשן זאלן עס קענען קויפן. איז דא עפעס אמת דערין? אויב יא, ווען קען מען עס ערווארטן?**

**א גרויסן דאנק.**

**ט. יאקאבאוויטש, קרית יואל**

## ענטפער

יא, דאס וואס דו הערסט איז אמת, טעסלא ארבעט טאקע אויף א ראבאט וואס ער רופט אפטימוס (אסאך רופן עס "טעסלא באט"). ער זאגט אז ער צילט צו ערצייגן א ראבאט וואס וועט קענען טון פשוטע שטוב ארבעט וואס מענטשן שפירן אלע צו לאנגווייליג.

טעסלא האט שוין געוויזן מוסטערן פון זייער ערשטע ווערסיעס וואס קענען גיין, טראגן זאכן, צאמלייגן קליידער, און ניצן פשוטע ארבעטס געצייג. מאסק זאגט אז אין דער צוקונפט האפט ער אז עס וועט קענען טון רוב פיזישע ארבעט וואס מענטשן טוען. מומחים גלייבן אז עס וועט נאך נעמען עטליכע יאר ביז אזעלכע ראבאטן וועלן ווערן גענוג זיכער, און ביליג עס זאל ווערן פארשפרייט.

אבער עס זענען דא נאך ראבאטן אויסער ביי טעסלא. ליידער זענען דא אסאך מענטשן וואס זייער גאנצע לעבן איז ממש "ראבאטיש", ער שפילט די ראלע פון א "טאטע", און די פרוי שפילט "מאמע", אבער עס זענען נישט קיין שום געפילן פון איינע צום צווייטן.

ער קומט אין בית המדרש ווי א ראבאט, ווייל מיין שכן גייט אין שול, ער דאווענט ראבאטיש, ווייל יעדע "נארמאלע" מענטש דאווענט, ער האט א "טו דו ליסט" - וואס איך דארף טון נישט צו גיין אין גיהנום" און מאכט טשעקס, תפילין דאווענען. וואס איז נעקסט? מיר "קושן" נישט טעכניש די ציצית ביי קריאת שמע, נאר מיר קושן עס צוזאם, מיר פרייען זיך דערמיט. מיר זענען נישט קיין ראבאטן. מיר דאווענען נישט מאנאטאן ווי אן ע' איי וואס זאגט אפ וואס מען לייגט אריין אין אים, מיר "רעדן צום אייבערשטן" א גאנצן טאג, מיר דאנקען אים און מיר בעטן אים וואס מיר דארפן.

דאס איז אמאל זיכער אז זאגן גוטע ווערטער פאר די ווייב און קינדער, וועט אלעמאל בלייבן אונזער אויפגאבע, דאס קען מען נישט אוועקגעבן פאר א ראבאט, פיזישע ארבעט קען מען אוועקגעבן, אבער גייסטישע ארבעט, וועט נישט העלפן גארנישט. מען וועט אלעמאל דארפן הערן דרשות זיך צו מחזק זיין אין דעם ענין.

אזוי אויך לערנען שיעורים כסדרן און גיין דאווענען אין שול וועט בלייבן אונזער עבודה, דאס געט מען נישט אוועק פאר קיינעם, דאס וועלן אונז טון ביזן לעצטן רגע פונעם לעבן.

פאר אונז בלייבט נאר איבער צו געדענקען אז מיר זאלן נישט ווערן קיין גולמים וואס טוען מצוות אנשים מלומדה און קיין נשמה און אן קיין געפיל. מיר זאלן שטייגן אין עבודת ה' און ווערן שטערקער און בעסער און זוכן נאר קרבת אלקים און ווערן בעסער אידן. דאס וועט אונז ברענגען צו האבן א זיסע און געשמאקע לעבן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

**תורה ותפילה.**

# געדאנקען

## הונדערט חתונות אין שול

משה גנב האט געמאכט א שיינעם שידוך מיט זיין גערעטענעם זון.

דער מחותן איז יענקל רויבער.

עס האט זיך געצויגן די שידוך עטליכע וואכן, אבער ברוך השם מען האלט שוין דא.

דער שדכן איז געווען ביזי מיט טראגן און ברענגען אינפארמאציע צו מאכן זיכער אז די שידוך איז MATCHY. ביידע מחותנים זענען BUGABOO מענטשן, ביידע זענען יעדן ווינטער אויף וואקאציע אין די ווארעמע ערטער, ביידע האבן א פאר'LEAN'טע זומער הויז אין די קעטסקילס, ביידע האבן חתונה געמאכט זייערע פריערדיגע דריי קינדער אין די "וואשינגטאן-הייטס-טאזש-מאהאל" ביידע האבן אין קעשענע א צוואנציג דרייסיג קארטלעך מיט א מיליאן דעלטע עירליינס פוינטס, ממש ווי עס שטייט על גנב ורויבער חרוב ברוקלינתא והיינו דאמרי חספי בחספי באגעבו בבאגעבו.



ערשטע חתונה אין שול - כ"ח סיון תשע"ז

משה גנב האט א צען פופצן אפארטמענטס וואס (דארפן) צאלן רענט א קיימא לן פון פיר מאות א יאר.

חובות און לאונס און ליענס און קרעדיט קארדס האט ער בערך צוויי מעלוינעס, צו פירן א ביזנעס פארשטייט ער ווי רעטעך אליין, ער איז יעדן יאר אורח הכבוד ביים דינער פון די שול וואו ער טרינקט טעיסטער טשויס קאווע בשעת'ן שאפן קא-סיינערס פאר זיין קומענדיגע לאון, דער אורח הכבוד זאך איז געמאכט צו דרייען ווייטער די חובות רעדל, די שוואכע מוחות ווערן דערפון קאנווינסד אז משה איז דער נגיד מיט אלע מפורשים, "ער איז סאליד ליקוויד" שרייען די קליינע קעפ און יאווען זיך צו ווערן שותפים מיט אים אין די נעקסטע ציינדל פון די חובות רעדל געבנדיג אים א חתימה אין באנק אויף א האלבע מעלוינע.

דער מחותן יענקל רויבער האט זיך נישט וואס צו שעמען, ער האט א עמעזאן ביזנעס (ביטע לאכט נישט) און אימפארטירט עטליכע הונדערט אלפים א יאר, יעדע מאל וואס עמעזאן מאכט צו זיין אקאונט לויפט ער צו די חברים וויינען אז ער מוז האבן א לאון פון הונדערט אלפים פאר דריי וואכן, און אז דאס געלט איז פארזיכערט מיט סחורה וואס ליגט אין ווערהויז.

די אמת איז אז ער וואלט שוין געקענט פארשפארן די עמעזאן ביזנעס מיט די לאך פון חובות אין וואס עס שלעפט אים אריין, נאר אויב ער וועט פארשפארן וועט אים זיין שווערער צו בארגן נאך און נאך חובות, במילא האלט ער די ביזנעס צו קענען האבן אויף וואס צו בארגן און צו מאכן א שיינע פנים ביים דרייען די חובות רעדל.

נאכ'ן שידוך איז געווען א שיינע גע'גנב'עטע תנאים, אמעריקען עקספרעס האט זיך געפריידט אויסצולייגן די געלט וואס וועט ווערן באצאלט ערגעץ אינמיטן דרייען די חובות רעדל. די כלה האט באקומען א גע'גנב'עטע דיימאנד רינגל, פון די געלט וואס מען האט געבארגט אין שול פון א איד (אויף בלויז פיר וואכן! זיכער...... אודאי.......).

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

א טאג נאכ'ן תנאים, בשעת'ן טרינקען אין שול די טעיסטער טשויס און אויספלאנירן די נעקסטע לאון, האט איינער באמערקט אויפ'ן טיש א ברסלב'ע גליון, און איינער האט זיך אנגערופן אז ער איז געווען נעכטן ביי איינס פון די "אינטערעסאנטע יאנטשי" חתונות אין ברסלב, א צווייטער רופט זיך אן אז ברסלב האלט שוין ביי הונדערט חתונות אין שול!!!! אומזיסט!!!! אומזזזזיססססטטטט!!!!

דאס מיינט אז אויב א חתונה-נאכט אין די וועלט קאסט צען טויזנט דאלער (למשל) האט ברסלב געשפארט א מיליאן טאלער, אן קיין ארגאניזאציע, אן קיין גמ"ח, אן קיין לעטער העד, אן קיין פלאקאטן, אן קיין שפענדעווען אויף מארקעטינג. חוץ וואס מען קויפט די ביליגסטע צירינג, און פשוטע ביליגע שעלווס פאר די וועש, און א כלה קלייד פון גמ"ח, אזוי אז פון אנהייב שידוך ביז נאך די חתונה קומט אויס אונטער צען פופצן אלפים, האט מען געשפארט פופציג אלפים מאל הונדערט, האלט מען ביי פינעף מיליאן טאלער געשפארט!

רופט זיך אן משה גנב אז די ברסלב'ע וועג איז קעגן די תורה, פארוואס? ווייל אליעזר האט געגעבן מתנות פאר רבקה, פשי הא!!!!!!

משה גנב האט צוויי מעלות, איינס ער טוט וואס ער וויל, צוויי ער כאפט די תורה אויף זיין זייט.

עס איז נישט אינטערעסאנט צו ענטפערן א תירוץ אויף דעם, ווייל אויב איינער איז אן עם הארץ, א סארקאסטיקער, וואס פסקן'ט נעבעך הלכות פון א פסוק חומש, אן קוקן אין הלכה, אן קוקן אין שולחן ערוך, איז דאך א שאד צו רעדן.

מיר וועלן נאר בארירן א קליינע נקודה. מיר ווילן נאר זאגן פאר משה גנב, דו ביסט נישט אליעזר, אליעזר לעבט מיט א צדיק, און די לעבסט אין א באבל. אן א צדיק קען מען נישט לעבן, אן א מורה דרך ווייסט א מענטש נישט פון זיין לעבן צו זאגן.

און אז דו נוצט שוין די חומש אלץ א דעקונג פאר די גע'גנב'עטע דיימאנד ביי די געבארגטע תנאים, אפשר איז כדאי צו געבן א בליק אין רש"י הקדוש.

רש"י הקדוש זאגט פארוואס האט אליעזר געגעבן א ברעיסלעט פון צען גאלד? אז דו זאלסט געדענקן אז עס שטייט אין די עשרת הדברות לא תגנוב.

איידער דו ווערסט אזוי נתלהב צו כאפן די מצוה פון געבן גאלדענע צירונג, קודם געדענק די לא תגנוב וואס שטייט אין די עשרת הדברות, באצאל וואס דו האסט געבארגט ביי די פריערדיגע גע'גנב'עטע תנאים. און אז דו דרייסט א קאפ אז דיין מורה דרך אין לעבן איז אליעזר עבד אברהם, דערווייל האב איך נאך נישט געזען אז דו זאלסט געבן א נזם זהב ביי די גע'גנב'עטע געבארגטע תנאים

און אויב דו שרייסט אז דיין מורה דרך איז אליעזר עבד אברהם אפשר איז כדאי זאלסט שמועסן מיט'ן אייבערשטן א אפענע שמועס אזוי ווי אליעזר עבד אברהם. "הייליגער באשעפער זאג מיר וואס איז ריכטיג, זאל איך אנגיין מיט מיין באבל לעבן? זאל איך אנגיין מיט מיין קרעדיט קארד לעבן? אדער זאל איך שוין ווערן געזונט און לעבן פאר'ן אייבערשטן". בכלל איז דא מענטשן וואס רעדן זיך איין אז זיי לעבן מיט א מורה דרך און טוען וואס זיי ווילן.

דער ראש ישיבה האט אמאל געשמועסט לגבי דעם וואס עס קען זיין מענטשן וואס דער ראש ישיבה שמועסט מיט זיי לענגער און ס'איז דא אנדערע וואס דער ראש ישיבה קומט נישט אן זיי צו געבן פון זיין צייט.

האט דער ראש ישיבה געזאגט: "אויב איך זע איינער קומט זיך שואל עצה זיין און ער זוכט נישט צו טון וואס מען זאגט אים, ער וויל נאר ס'זאל הייסן אז ער פרעגט א ערליכער איד, אבער טון טוט ער פונקט ווי אים גלוסט זיך, כאלו ער וואלט קיינמאל נישט געפרעגט, פאר אזא מענטש זיך איך נישט אוועק צו געבן מיין טייערע צייט. אבער אויב איינער קומט פרעגן ווייל ער וויל טון וואס איז ריכטיג, פאר אים איז דא אסאך צייט".

עס איז געווען אמאל א מעשה ביי רבינו הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו, חול המועד סוכות ביים טיש איז געווען דארט ביים טיש עטליכע מענטשן וואס זענען געקומען פון ארץ ישראל, צו זיין ביים רבי'ן, האבן זיי געפרעגט שאלות בנוגע טון א מלאכה יום טוב שני של גליות, האט דער רבי געגעבן א זאג שטילערהייט צו איינעם וואס איז געזעצן לעבן אים, זיי פרעגן מיך וועגן יום טוב שני של גליות, און עס פאלט זיי נישט איין צו פרעגן צו זיי מעגן בכלל וואוינען אין ארץ ישראל.

אז א מענטש נוצט א צדיק זיך צו מאכן תם'עוואטע איז א גרויסע רחמנות אויף אים, אז א מענטש גייט מיט א צדיק בתמימות, קען ער האבן א שיינע זיסע לעכטיגע לעבן.

און אפשר טאקע זאלסטו יא טון וואס אליעזר האט געטון, אפשר רעדסטו מיט'ן אייבערשטן יעדע זאך.



# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## אִיךְ הֶער נִישְׁט

אֵיינֶע פוּן דִי גָאר גְרוֹיסֶע אוּן הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אִיז גֶעוֶוען הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי נַחְמָן פוּן הוֹרִידֶענְקָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זֵיידֶע.

עֶס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעבַּאדֶערְט וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט עֶפֶּעס וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט הֶערְן, וִוי לְמָשָׁל וִוי אֵיינֶער רֶעדְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיד אָדֶער אוֹיבּ אֵיינֶער רֶעדְט חַס וְשָׁלוֹם נִיבּוּל פֶּה וְכַדוֹמֶה, אָבֶער וָואס קֶען מֶען טוּן מֶען לֶעבְּט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן מֶען קֶען נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן מֶענְטְשְׁן וָואס יָא צוּ זָאגְן אוּן וָואס נִישְׁט.



נוּ! אִיז וָואס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נַחְמָן פוּן הוֹרִידֶענְקָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעטוּן, הָאט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעבֶּעטְן דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן צוּ הֶערְן נָאר וָואס עֶר דַארְף הֶערְן, אוּן וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט הֶערְן זָאל עֶר פָּשׁוּט נִישְׁט הֶערְן וָואס יֶענֶער זָאגְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים טַאקֶע גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט נָאר גֶעהֶערְט וָואס עֶר גֶעדַארְפְט הֶערְן.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעזֶעצְן בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אַלֶע מַעֲלוֹת וָואס דֶער צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן פוּן הוֹרִידֶענְקָא הָאט, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְשַׁבֵּחַ זַיין.

דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן גֶעגֶעבְּן אַ קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נַחְמָן פוּן הוֹרִידֶענְקָא טוּט אִין אַזַא צַייט וָואס מֶען לוֹיבְּט אִים אַזוֹי אוֹיס, מֶען זֶעט וִוי עֶר זִיצְט אַיינְגֶעבּוֹיגְן זִיךְ צוּ קֶענֶען צוּהֶערְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר נִישְׁט גוּט גֶעהֶערְט הָאט עֶר מִיט זַיין הֶענְט אַיינְגֶעבּוֹיגְן זַיין אוֹיעֶר צוּ קֶענֶען גוּט הֶערְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט.

פַאר דִי תַּלְמִידִים אִיז דָאס גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער ווּאוּנְדֶער, פַארְוָואס זָאל אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק וִוילְן אַזוֹי שְׁטַארְק הֶערְן וִוי מֶען לוֹיבְּט אִים אוֹיס. הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָנְגֶערוּפְן צוּ דִי תַּלְמִידִים: "עֶס זָאל אַייךְ נִישְׁט ווּאוּנְדֶערְן פַארְוָואס עֶר שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אַזוֹי אָן זִיךְ צוּצוּהֶערְן, וַוייל עֶר הֶערְט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט, אַז מֶען לוֹיבְּט אִים אוֹיס, עֶר הָאט גֶע'פּוֹעֵל'ט בַּיים הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר זָאל בִּכְלַל נִישְׁט קֶענֶען הֶערְן וָואס זַיין אוֹיעֶרְן דַארְפְן נִישְׁט הֶערְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען זַיין תְּפִלָּה. אֵיי פַארְוָואס בֵּייגְט עֶר זִיךְ צוּ מִיט זַיין אוֹיעֶרְן צוּ קֶענֶען הֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט? דָאס אִיז וַוייל עֶר זֶעט וִוי מַיין לִיפְּן שָׁאקְלֶען זִיךְ הָאט עֶר גֶעוָואלְט הֶערְן וָואס אִיךְ זָאג, אָבֶער בֶּאֱמֶת הֶערְט עֶר גָארְנִישְׁט".

הָאט מוֹהֲרָא"ש צוּגֶעלֵייגְט צוּ דֶעם דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זַיין עֶלְטֶער בִּשְׁעַת עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט גוּט הֶערְן: "פַארְוָואס דַארְף אִיךְ קֶענֶען הֶערְן? דָאס וָואס אִיךְ וִויל רֶעדְן זָאג אִיךְ! דָאס וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט! אִיז פַארְוָואס דַארְף אִיךְ הֶערְן"!

אוּן אַזוֹי הָאט טַאקֶע מוֹהֲרָא"ש אוֹיךְ גֶעלֶעבְּט, עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵוייניג אִינְטֶערֶעסִירְט וָואס מֶענְטְשְׁן רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן. עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְגֶעמִישְׁט בַּיי אַנְדֶערֶע. וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט צוּ זָאגְן הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן, אוּן אוּן וֶוער עֶס הָאט זִיךְ צוּגֶעהֶערְט הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען!

**(שיחות מוהרא"ש חלק טו' ערך שמועה)**



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

קל"ז

## פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

רֹאשׁ הַשָּׁנָה תקס"ה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה, אוּן גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. שַׁבָּת שׁוּבָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשִׁיקְט רוּפְן זַיין גְרוֹיסֶע טָאכְטֶער, זִי אִיז גְלַייךְ אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין זַיין צִימֶער אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אִיר אִיבֶּער דִי פְּטִירָה פוּן זַיין קְלֵיינֶעם טָאכְטֶער. דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין נִישְׁט אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, אוּן אוּם מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט פַאר אַ שָׁעָה אֲבֵלוּת.

מָאנְטָאג, ה' תִּשְׁרֵי, אִינְמִיטְן טָאג, אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן זַיין צִימֶער צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, וואוּ עֶס זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶעזֶעסְן עֶטְלִיכֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ צוּגֶעזֶעצְט צוּ זֵיי אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי.

עֶר הָאט גֶעהֵייסְן אֵיינֶעם צוּ בְּרֶענְגֶען אוֹיל מִיט אַ קְנוֹיט, עֶר זָאל קֶענֶען אָנְצִינְדֶען אַ לִיכְט פוּן שֶׁמֶן זַיִת. יֶענֶער הָאט עֶס גְלַייךְ גֶעבְּרֶענְגְט אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אַלֵיין צוּגֶעגְרֵייט דֶעם לִיכְט אוּן עֶס אָנְגֶעצִינְדֶען. [דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַזוֹי טוּן אַסַאךְ מָאל, אַז עֶר הָאט פְּלוּצְלִינְג אָנְגֶעצִינְדֶען אַ לִיכְט פוּן שֶׁמֶן זַיִת. מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי אִיז מִיט דֶעם מַמְתִּיק דִינִים].

גְלַייךְ נָאכְ'ן אָנְצִינְדֶען דִי לִיכְט, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אוֹיפְ'ן טִישׁ, אִיז דֶער הֵייליגֶער רֶבִּי אַרַיין אִין אַ גְרוֹיסֶע הִתְלַהֲבוּת, אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט גְרוֹיס בְּרֶען. עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען אַ סְלִיחוֹת, עֶר הָאט עֶס גֶעעֶפְנְט אוּן הָאט גֶעזָאגְט אַבִּיסְל פוּן אַ סְלִיחָה פוּן יוֹם כִּיפּוּר, דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין פָארְנְט פוּן דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן דָארְט, אוּן אִינְצְוִוישְׁן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן גַן עֵדֶן אוּן גֵיהִנוֹם, אַז דֶער גַן עֵדֶן אוּן גֵיהִנוֹם גֶעפִינֶען זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן פוּן אֵיין זַאךְ צוּם צְוֵוייטְן, בִּיז עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה "חוֹתָם בְּתוֹךְ חוֹתָם" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"ב).

דִי תּוֹרָה זָאגְן הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן פַאר אוּמְגֶעפֶער פִיר שָׁעָה, אִין אִינְמִיטְן זָאגְן דִי תּוֹרָה אִיז אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין גַאס אוּן דֶערְצֵיילְט פַאר אַסַאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט יֶעצְט תּוֹרָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע רַעַשׁ פוּן דֶעם, דִי גֶעשֶׁעפְטְסְלַייט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן אַלֶע צוּגֶעמַאכְט זֵייעֶרֶע גֶעשֶׁעפְטְן אוּן זֶענֶען גְלַייךְ גֶעלָאפְן אִין שׁוּל צוּ הֶערְן דִי תּוֹרָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִין דִי תּוֹרָה זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַ בְּחִינָה פוּן "בָּשָׂר - פְלֵיישׁ", אוּן אַנְדֶערֶע זֶענֶען אַ בְּחִינָה פוּן "עֶצֶם - בֵּיין", וֶוען דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען וִוי פְלֵיישׁ הֶערְן דֶעם קוֹל פוּנֶעם צַדִיק וִוי עֶר זָאגְט תּוֹרָה, זֶענֶען דִי רֵייד פוּנֶעם צַדִיק זֵיי מְעוֹרֵר אוּן בְּרֶענְגְט זֵיי צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דִי אַנְדֶערֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן, וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן זֶענֶען וִוי אַ בֵּיין, זֵיי הֶערְן נִישְׁט דֶעם קוֹל פוּנֶעם צַדִיק, אוּן אֲפִילוּ וֶוען זֵיי הֶערְן יָא דֶעם קוֹל, כַאפְּן זֵיי נָאר אוֹיף דֶעם "קוֹל הֲבָרָה", דֶעם וִוידֶערְקוֹל, אוּן זֵיי כַאפְּן נִישְׁט קַיין הִתְעוֹרְרוּת דֶערְפוּן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֵיין, חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ח:) "אֲנָחָה שׁוֹבֶרֶת גּוּפוֹ שֶׁל אָדָם", אַ קְרֶעכְץ צֶעבְּרֶעכְט דֶעם גוּף פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס הֵייסְט עֶס צֶעבְּרֶעכְט דִי עַזוּת אוּן שְׁלֶעכְטְקֵייט פוּנֶעם גוּף, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַלֶע הֵיילִיגֶע קוֹלוֹת, וֶוען אַ אִיד שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קְרֶעכְצְט זִיךְ אוֹיס, עֶר הֶערְט דֶעם קוֹל פוּנֶעם שׁוֹפָר, אַ קוֹל פוּן זִינְגֶען, דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע קוֹלוֹת זֶענֶען עַזוּת דִקְדוּשָּׁה, אוּן דָאס צֶעבְּרֶעכְט דִי שְׁלֶעכְטֶע עַזוּת פוּנֶעם גוּף, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען דֶערְנֶענְטֶערְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז דָאס אַלֶעס אִיז נָאר גוּט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ פְלֵיישִׁיגֶע הַארְץ, דֶעמָאלְט קֶען דֶער מֶענְטְשׁ דֶערְהֶערְן דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע קוֹלוֹת אוּן דָאס קֶען אִים אוֹיפְהוֹיבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פַארְהַארְטֶעוֶועט, עֶר אִיז וִוי אַ בֵּיין, דֶעמָאלְט הֶערְט עֶר נִישְׁט בִּכְלַל דִי אַלֶע גוּטֶע קוֹלוֹת, עֶר הֶערְט נָאר דֶעם וִוידֶערְקוֹל, אוּן עֶס הֶעלְפְּט אִים נִישְׁט.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# קוק אהער

## וואס זאגסטו צו מיין נייע קעדי?

נו רוק דיך דארט, וואס איז די מעשה?

ער שטייט אינמיטן גאס מיט זיין גרויסן ריזיגן קעדי עסקעלעיד, זיין נייע פרישע גרויסע מעכטיגע קעדי און רירט זיך נישט!

העלוי?! די גאנצע גאס פייפט וואס איז דאס בלייבן שטיין אינמיטן גאס?

איך רוף חברים, שומרים, מתעסקים, איינער מוז דא מאכן סדר מיט דעםברייטן פריץ, ער האט טאקע א מעכטיגע קאר, אבער ער באלעבאטעוועט נישט אויפן גאס!

נאכן איינזען אז דער בחור גייט זיך פאר מיר נישט רוקן, נישט קיין חילוק וויפל מאל איך גיי פייפן, און אפילו איך פייף צען מאל אין א צי גייט ער זיך פאר מיר נישט רוקן, האב איך מחליט געווען אז איך גיי מאכן א ביקור גומלין צו אט דעם פריץ.

מיט געמאסטענע טריט גיי איך צושטאט צו צום נייעם פרישן גלאנציגן קעדי וואס בלאַקט די גאנצע גאס, און איידערלעהייט קלאפ איך ביי אים אין פענסטער.

"אנטשולדיגט ר' איד איך מיין נישט גארנישט, אבער איר פארשטעלט דא דעם גאנצן גאס, קיינער קען נישט דורכפארן, אויב פלאנט איר נישט צו פארן ווייטער אפשר רוקט אייך אין די זייט פון גאס וועלן אנדערע קענען אדורכפארן... איך מיין וואס איז די מעשה??"

וואס איז די מעשה ווילט איר וויסן??

אז איר פרעגט וועל איך אייך פארציילן!"

געווען איז דאס מיט קוים אפאר שעה צוריק ווען איך האב זיך צוזאמגענומען, און נאך ימים ושנים אפשפארן געלט פאר א קאר, האב איך זיך ענדליך דערזען מיט א חבילה געלט וואס מיט דעם קען איך זיך ווענדן צום דילער און זען וואס פאר א קאר איז געאייגנט פאר מיר.

אזוי ווי אבער איך בין נישט סתם אבי איינער עפעס אן אסופי פון גאס איך בין דאך א גרויסע יחסן, א העווי טשילער א בארימטע באפפער, איך בין דאך אויף איבער הונדערט פופציג גרופס, איך פארמאג איבער צוואנציג קראָוס פון עכטע טייטע חברים...

דעריבער אז איך - מיטן ה' הידועה - קום קויפן אַ קאר איז עס גארנישט אזא קלייניקייט...

דער דילער האט שוין געהערט מיינע קנאקעדיגע פוסטריט זיך דערנענטערן צו זיין אפיס, ער רייבט זיך צוזאמעןביידע הענט, היינט גייט זיין א גוטע טאג, משה גרויס אליין קומט קויפן א קאר...

"קודם א קאָפפי... זעץ דיך מאך דיך באקוועם לאמיר הערן מיט וואס קען איך דיר העלפן היינט?"

מיט אן איידעלן טאָן פארט מיין הענט אריין אינעם בוזעם טאש, איך צי ארויס מיין אפגעשפארטן פעקעלע און מיט גרויס עקסטאז געב איך א האק אין טיש "נא מיין פריינט וואס קענט איר מיט אפפערן?"

דער דילער מאכט זיך נאס די פינגער, רוקט אראפ די גלעזער ביזן שפיץ נאז, און נעמט זיך ציילן דאס פעקל. ער מאכט אזוינע פאקסן מיט די אויגן, ער קראצט זיך די נאז, עהעם עהעם קלארט זיך אויס די האלז און עודך מאכט ער נאס די פינגער, און מיט אן ערנסטער לשם יחוד ציילט ער נאכאמאל איבער דאס בינטעלע באנקנאטן.

נאכן זיך איבערצייגן פון פריש אז יא ער האט פון פריער אויך גוט געציילט און עס איז נישט דא נאך.... זאגט ער מיר אזוי שטילערהייט אונטער די נאז חבר מיינע "איך האב פאר דיר צוויי אפציעס... איינס איז א שעווי ווענטשור פון יאר 2001 ס'האט שוין איבער הונדערט פופציג טויזנט מייל, ס'פארמאגט א טעיפ רעקארדער, א סיגרעט לייטער, א האלטער פאר א קאווע גלעזל, מיט עיר קאנדישן, און אויפן דרייער זיץ איז דא א מחצלת געמאכט פון גראבע האלצענע באליס, וזהו!"

"מיין צווייטע אפציע איז א ברענד ניו פרישע שיינע מעכטיגע קעדי עסקעלעיד מיט 0 מייל אויף זיך, ס'איז פולי לאודעד מיט יעדן פיטשער וואס לאזט זיך נאר חלומען, יעדער פיטשעווקע וואס א קאר קען נאר פארמאגן איז דא דארט, ועל

**ישראל דוד העסקעל**



כולם קומט עס שווין מיט פרי אינסטאללד לייטס און סיירינס - שטעל דיך פאר!"

"ס'איז אבער פארהאן אן אבער...

די קאר האט יעדער פיטשער אויסער אן ענדשין!

סאיז איבעראל פולי לאודעד אויסער פון פארנט, דארט איז עס פולי ליידיג, ס'איז גארנישט דא דארט!"

"הער מיר גוט אויס" זאגט דער דילער "די קעדי איז טאקע א קעדי, אבער אויב ווילסטו אנקומען פון א' ביז ב' וועט דאס דיר נישט קענען טראגן, אוודאי וועט דער עולם זאגן 'פשיהא' ווי מעכטיג און פרעכטיג ביסטו מיט אזא פעסטע קאר, אבער דארט בלייבט דער קאר זיצן, ער גייט זיך ווייטער נישט רירן..."

"די שעווי... יא יא ס'גייט זיין א פיינע ליצנות, דו יא דו, טאקע מיטן ה' הידועה' דער גרויסע שיסער' דער מעכטיגע קנאקער, דער ווארטזאגער פון אלע ווארטזאגער גייט זיך דרייען מיטן אלטן שעווי ווענטשור, וואס ווען מ'צינדט אן דעם ענדשין הערט זיך עס ווי משאקלט אויף צען ליידיגע טונא קענס, אבער לאכן זאלן זיי לאכן, די קאר וועט דיר טראגן און ברענגען וואו דו ברויכסט אנקומען!"

"קיין נאר בין איך נישט" פארענדיגט ער די מעשה בשעת איך שטיי געפלעפט דארט ביי זיין פענסטער אינמיטן גאס "א שעווי ווענטשור?! פאר מיינע שונאים!"

איך וועל נעמען אן עסקעלעידווי ס'פאסט זיך פאר דער קנאקער וואס צוקנאקט אלע קנאקערס, פאר די באפפער וואס באפפערס באפפן, נאכדערצו מיט לייטס און סיירינס?! אוודאי ס'איז א נאו ברעינער!

עסקעלעיד איט איז!

דעריבער... פירט ער אויס קענסטו פייפן און פייפן און פייפן, דער קאר רירט זיך נישט, און גייט זיך נישט רירן און קען זיך נישט רירן, ס'איז קיין ענדשין נישט פאראהאנען!

יא ס'קען אפשר זיין אז זאגן משניות איז יאנטשי, און לעבן מיט שלום בית המה קען זיין ס'סאונד אלד פעשענד, וואס... געבן גוטע ווערטער, זאגן פאר די ווייב איך האב דיך ליב, דו ביסט מיין גאנצע וועלט, יוש ס'הערט זיך אזוי נעבעכדיג...

דער ראש ישיבה האט געזאגט אזוי, דער ראש ישיבה האב געשריבן אזוי, יא יעדע זאך איז 'ראש ישיבה ראש ישיבה' מ'קען נישט אליינס טראכטן?? סילי...

סילי זילי, דו זיצט אין אן עסקעלעיד אן א ענדשין!

אוודאי שרייט יענער "יוי נעבעך, דו ביסט פראסט און פשוט משוגע, דו האסט אינגאנצן פארלוירן דיין שכל..." אבער ס'פארט!

איך ענדיג חומש רש"י יעדע וואך, איך זאג תהילים יעדן טאג, מיין סטיקער אין מיין משניות מאכט אסאך מיילידש, איך אינוועסטיר אין מיין שטוב, איך טו די נעבעכדיגע זאך פון שפילן מיט מיינע קינדער און זיי פריילעך מאכן.

איך גיי יעדן טאג א שפאציר מיטן אייבערשטן, און איך שמועס מיך אויס מיין הארץ, איך טו תשובה און איך זאג "שכח אייבערשטער פאר אלע גוטס וואס דו טוסט מיט מיך, פאר מיין יאמי זיסע לעבן, פאר מיין צוקערדיגע חיים טובים".

און ער זיצט אינעם קעדי בשעת אלע חברים פאטשן פאר אים און זאגן "פשששש וואאאא מלך הקנאקערס!!!" אבער דו רירסט זיך נישט, קוק דיר אן, וואס ליגט דיר אין האנט "וואו פארט א איד? וואס איז דיין פלאן אין לעבן?"

שכח אייבערשטער אז מיר זענען די יאנטשי' כראנטשי פאני מענטשן וואס אונזערע ענדשין ארבעט, מיר האבן א וועגווייזער א צדיק וואס געבט מיר וועג צו לעבן א וועג, צו זיין פריילעך, א וועג צו זיין א איד!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

BUILT ON CARE, DRIVEN BY HEART™



REQUEST MALE
OR FEMALE
(UPON AVAILABILITY)

# Viruses are going around.

# So is the doctor's office.



718.208.2030

Medease
CARE AT HOME

STREP CULTURES | FLU, COVID & RSV TESTING | FULL RESPIRATORY PANEL | EAR CHECKS
URINE CULTURES | BLOODWORK | RASHES & PINK EYE | SEASONAL ALLERGIES



די טיר איז פארמאכט
ש. טראכטער




וואש אונז אפ
ח. ה. מינצבערג




טריקענע ליכט צינדן
מ. פאפנהיים

# ווארעמע
# בריעסטן



*צום שלוס ברענגען מיר אראפ די שטורעמישע לעבן פון מרת בתי' בארג אין גראמען.*

*גענומען געווארן מיט רשות פון די קול נעימות האטליין.*

אין א ווייט פארוויסטן שטעטל,
אין א לאנד באדעקט מיט שניי,
וואוינען אידעלעך צו אידישקייט געטריי.

טיף אין הארץ מען שפירט די מורא,
ס'איז פארבאטן לערנען תורה,
אין די שאטן פון די מיליטער.
די רוסישע ארמיי.

בתי' גייט אין שולע,
לערנט בלויז לימודי חול,
איר נשמה בענקט נאך א אידישע קול.

אין קלאס אויך שבת מוז זי בלייבן,
נאר קיין ווארט טוט זי נישט שרייבן,
זי זיצט דארט אינעם יום קדוש,
און שעפשעט מיט'ן מויל.

**טאטע אין הימל העלף מיר אפצוהיטן דיין געבאט,**
**ווייל איך בין א טייל פון ישראל,**
**דיין באליבטע גו אחד,**



31

## ש. טראכטער

**עס איז דא א בונד לעולמי עד בינו ובינינו,**
**דעם שבת אפצושאצן כל מלאכה לא תעשו.**

עס וועט זיין א גרויס בחינה,
שבת וועט עס פארקומען,
איז בתי פול מיט זארג געווען פארנומען.

עס וועט ווערן גלייך באקאנט,
אויב איך נעם נישט א בליי אין האנט,
אז איך גלייב אין גאט, וואס האט אלץ באשאפן מיט פארשטאנד.

פרעגט זי ביי איר טאטע פאר אן עצה מה לעשות,
ס'האט איר קיינמאל נישט פאסירט עת כזאת,
אויב (זי וועט) נישט טרעטן אריין אין שולע,
וועט עס דערצערענען די הנהלה,
נישט אריינפולן די תשובות... וועט מאכן ערגער בלויז.

(זאגט איר טאטע)
דיין נשמה איז נעבן מיינס געשטאנען ביים סיני בארג,
ביי די שאלן פון קול שופר האבן ביידע געציטערט שטארק,
און פון אלע פעלקער אויפ'ן ערד, האבן מיר אידעלער נאר,
אנגענומען אט דעם פערטן דיבור שמור וזכור.

**טאטע אין הימל העלף מיר אפצוהיטן דיין געבאט,**
**ווייל מיר זענען א טייל פון ישראל,**
**דיין באליבטן גו אחד,**
**עס איז דא א בונד לעולמי עד בינו ובינינו,**
**דעם שבת אפצושאצן כל מלאכות לא תעשו.**

..

צו די מאמע די געטרייע האט זיך בתי' דאן געווענדט,
אירע צווייפלען האט זיך דאן גוט אנערקענט,
מאמע זאג מיר וואס צו טון.
מיין הארץ איז מלא צער,
זאל איך שרייבן? אדער לייגן די גאנצע משפחה אין געפאר?

די מאמע זיפצט מיט וויטאג זי ווישט אפ אן איינציג טרער,
בתי' הער צו גוט וואס איך ערקלער,
פונקט ווי איך צינד אן די ליכט צו באשיינען די שבת נעכט,
זאל באלאכטן ווערן מיין פארשטאנד, איך זאל דיר פירן רעכט.

איך האב געהאט זעקס קינדער, אפגעריסן פון מיין שויס,
די רשעים די דייטשן האבן זיי מיט פיל רשעות געטויטעט,
אבער כאטש דו ביסט מיין איין און איינציג, איך הייס דיר בתי גיין,
ווערסט ווערן שטארק פארקילט בתי' אז דו וועסט טאנצן אין די שניי.

**טאנץ בתי' טאנץ מיין קינד א ריקוד לשם שמים,**
**זאל זיין אידישע זעל אויך טאנצן מיט דיין הייליגע נשמת חיים,**
**זאלסטו טאנצן אין דעם ווינטער פראסט,**
**ביז דיין פנים ווערט גאנץ בלאס,**
**ווייל א קראנקע וועט מען זיכער נישט באפעלן צו זיין אין קלאס.**

אין יעדע אידיש הויז באערט מען די שבת המלכה,
אין קלאס באמערקט מען בתי איז נישטא,
אויפגעגעבן איר בחינה,
אויפגעלאכטן איר אמונה,
דער שומר פון ישראל, טוט איר היטן יעדע שעה.

די לערערין קומט קלאפן אויפ'ן קליין האלצענעם טיר,
זי ליגט אין בעט - פארקילט נאך פון פריער.
(זי זאגט) איך זע דאס קינד איז טאקע קראנק,
איך וואונטש איר א רפואה,
בתי' איז אפגעשוואכט אבער דאך זיך טראכט ,
מיט דעם שבת איך שטאלציר.

**טאנץ בתי' טאנץ מיין קינד א ריקוד לשם שמים,**
**זאל זיין אידישע זעל אויך טאנצן מיט דיין הייליגע נשמת חיים,**
**ווייל דאס פלאם שבת ווארעמט אן יעדעס הארץ וואס טוט דערצו,**
**אלץ אן אות וואס בלייבט לעולמי עד בינו ובינינו.**

# הער א מעשה

## מ.ב.ש
### קרית יואל

געלויבט דעם אייבערשטן אז איך האלט נישט אזוי לאנג נאך מיין חתונה און איך טרעף זיך פלוצלונג מיט דריי קליינע קינדערלעך וואס מאכן ליכטיג די הויז, איך האב א צוויי יעריגע און א צווילינג וואס ווערן שוין יעצט א יאר ב"ה.

די דירה ווי איך האב געוואוינט איז זייער א שיינע סייז פאר א חתן כלה און אפילו אויך מיט א קינד, אבער מיט צוויי וויינענדיגע בעבי'ס אין מיין רום, וואס איך האב נישט נאך איין רום זיי ארויסצולייגן, איז מיר געווארן גאנץ שווער. איך האב זיך נישט געקענט געהעריג מסדר זיין.

מיין טבע איז דווקא יא צו זיין אלעמאל מסודר און די קינדער זאלן זיין קעיר גענומען מיט א פונקטליכקייט, איך האב געטראכט אז איך מוז זיך דא נעמען אין די הענט אריין, איך וועל אנרופן יעדע נומער וואס איך זע עדווערטייזט פאר דירות, פון די אנדערע זייט האבן מיר זיך נישט געקענט פארשטעלן צו דארפן צאלן העכערע רענט און אוודאי נישט קויפן א אייגענע הויז, אבער איך וויל שוין עכט האבן א געהעריגע גרויסע דירה. איך האב געזען אז ס'רוקט זיך גארנישט, ביז איך האב זיך געכאפט אז איך דארף דא סתם אויפגעבן מיין השתדלות און זיך איבערגעבן אינגאנצן פארן אייבערשטן.

דער וואס האט מיר געגעבן די מתנה פון קינדער קען איך ווייטער בעטן מתנות ער זאל מיר געבן א רואיגע, ברייטע, לופטיגע פלאץ צו אויפציען די קינדער.

עס איז געווען א פעסטע עבודת המידות צו טויטשן מיין מח אבער פון די אנדערע זייט איז עס געווען אזא גוטע געפיל זיך צו ארייגזעצן אין טאטנ'ס שויס און פון אים בעטן און אים לאזן פירן.

ווען מיין מאן איז געפארן אין אומאן האב איך אים געבעטן ער זאל מתפלל זיין ביים ציון פאר א גוטע גרויסע דירה אין די געגנט נעבן מיינע עלטערן, איך האב אויך צוגעזאגט צו מפרסם זיין די מעשה ווען איך ווער געהאלפן.

די מעשה פון תפילה האט נישט געשפעטיגט צו קומען, איך האב געזען ווי אלעס שטעלט זיך צאם אזוי ווי א פאזל, די הויז ממש וואס איך האב גע'חלומ'ט מיט די תפילות צו באצאלן די מופן, באצאלן די רענט מיט נאך אסאך תפילות, אלעס ב"ה בעסער ווי איך האב זיך געקענט פארשטעלן.

שכח אייבערשטער. יעצט זיץ איך שוין אין מיין נייע דירה, איך קען נישט אויפהערן צו דאנקען דעם אייבערשטן און איך בעט נאך ווייטער דעם אייבערשטן אלעס צו קענען מסדר זיין.

צו דעם אלעם איז געשען די מעשה פון תפילה אז די צווילינג האבן אנגעהויבן אסאך מער צו שלאפן ביינאכט און עס איז מיר געווארן אסאך גרינגער.

עס לוינט זיך יעדע תפילה אפילו מ'זעט נישט אויף די מינוט ווי מיינע תפילות קומען אן.

## מ.ג.
### לינדען

איך שרייב די ווערטער מיט פיל איבערגענומענקייט וואס תפילה קען אלץ פועל'ן!

פאר א ווייל פלאג איך זיך מיט איינע פון מיין לעכטיגע קינדער. זי דערמאנט מיך כסדר אז גוטע קינדער רייסט מען נישט סתם אראפ פון בוים, נאר מען דארף דאס קערנדל באוואסערן מיט הייסע תפילות,

און אנווארעמען מיט ליבליכע ווערטער. און ווי אויך נישט אינטערברעכן פון די שווערע אויפפירונגען.

די יום טוב טעג זענען געווען ספעציעל שווער ווען מיין טאכטער דארף כסדר אויפמערקזאמקייט אזוי ווי לופט צו אטעמען. איך בעט אפאר מאל א טאג דעם אייבערשטן אז איך זאל זיין די בעסטע מאמע פאר מיין קינדערלעך, זיי זאלן וואקסן ערליך און וואויל. דאס קינד נעמט אויף א גרויס חלק דערפון.

ברוך השם אז א שיינע יום טוב איז אריבער און ווינטער האט זיך אנגעהויבן. מען איז צוריק אין סקול מיט א פרישקייט! יעדן טאג פרובירט מען די מערסטע נישט מאכן טוישונגען אינעם סדר היום פון אויפשטיין ביז מען גייט שלאפן ספעציעל פאר דעם קינד. ברוך השם, מיר זעען א גרויסע שינוי לטובה, און די כח פון תפילה.

איין מאל א יאר מאכט די סקול א מאמע און טאכטער פארברענג. מיין טאכטער איז אהיימגעקומען די לעצטע פאר טעג זייער אויפגעלייגט אז איך גיי קומען צו איר קלאס. זי האט עס ממש געלעבט! פאר איך האב באקומען א צעטל מיט די דאטום, האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן עס זאל נישט זיין א געוויסע טאג וואס איך קען נישט קומען. למעשה איז עס געווען פונקט די טאג וואס איך קען זיך נישט משתתף זיין. איך האב געוויסט אז נישט קומען וועט זיך נישט גוט אויסשפילן מיט מיין טאכטער.

וויפיל איך האב גערעדט און געבעטן די סקול, האבן זיי נישט געוואלט טוישן. עס איז זייער פארשטענדליך מען קען נישט זיך צושטעלן צו זיבעציג מאמעס. אבער דאס רעדן צום אייבערשטן איז פיל צוניץ געקומען. איך האב זיך נישט ג'עקשנ'ט מיט די לערערין אדער פרינסיפאל נאר געבעטן דעם אייבערשטן: "אייבערשטער, איך זע נישט איך זאל קענען אנקומען צו דעם פארברענג אבער דאס וועט זייער שטערן פאר מיין טאכטער. איך וויל אזוי שטארק זיין ביי די פארברענג נאר פאר אירע וועגן. זי קוקט אזוי ארויס אויף דעם. העלף עס זיך אויסארבעטן על צד יותר טוב."

דערווייל האב איך געפרעגט מיין מאמע אויב זי קען גיין אנשטאטס מיר. זי איז נישט צוריקגעקומען מיט א קלארע ענטפער. ווייטער האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען זיין דארט פאר מיין קינד. אויך האב איך שטייטליך אריינגעלייגט אין איר די געדאנק אז מאמי קען נישט קומען וואס זי האט ברוך השם שיין אנגענומען. זי האט אפילו ג'עצה'ט אז איך זאל רופן באבי – עפעס וואס איך האב נישט געטראכט איז זיי גייט זאגן!

איין נאכט, פארן גיין שלאפן, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך דארף א גלעט אפילו עס קומט מיר גארנישט. דעם קומענדיגן טאג רופט מיך אן די לערערין אז איך וועל נישט גלייבן, די פרינסיפאל האט אפגעמאכט אז זי שטופט אפ די צאמקום. זי ווארפט אריין: "דער אייבערשטער לאווז יו."

עס איז מיר געקומען טרערן. איך זאג איר, "אוודאי דער אייבערשטער האט מיך ליב אבער דאס איז די כח התפילה! א מענטש וואס איז נישט צוגעוואוינט צו אלעס בעטן פונעם אייבערשטן פארשטייט דאס נישט, עס לייגט זיך נישט אויפן שכל.

לאמיר זיך שטארקן און תפילה והתבודדות וועלן מיר ניסים זען!

# ש. ראבינאוויטש

## קרית ברסלב

אין אמעריקע איז דא אזא זאך אז זונטאג איז א אנדערע טאג ווי די אנדערע טעג פון די וואך, מ'קען זיך טרעפן אז האלב זאכן וואס דו דארפסט ערלעדיגן איז אפגעשפארט. אין ארץ ישראל, פון וואו איך קום איז זונטאג א געהעריגע טאג פונקט ווי מאנטאג, אכט אזייגער אינדערפרי גייט מען אין שולע.

זייט איך האב זיך אהערגעצויגן אין שטעטל איז מיר זייער שווער, איך קען נישט פארשטיין וואס איך דארף טון מיט מיין מיידל אינדערהיים, סיי איך קען נישט אנהויבן די וואך ווייל איך דארף זיך שפילן מיט מיין מיידל און סיי מיין מיידל שפירט נישט מסודר, זי וויל אנהייבן די וואך.

יעדע מאל ס'איז מיר שווער בעט איך נאכאמאל דעם אייבערשטן. ביז איך האב באקומען א מעלדונג פון בית פיגא אז מ'גייט אנהויבן מאכן א זונטיג שולע, אבער עס איז געמאכט נאר פאר מיידלעך פון כתה א' ביז כתה ד'.

מאך איך ווייטער תפילה. ביז איין משפחה פון שטעטל, וואס האט אפאר גרויסע מיידלעך האט זיך צאמגענומען צו מאכן שולע פאר די קלענערע ביז כתה א', שכח אייבערשטער פאר די שיינע מעשה פון תפילה

ש. טראכטער



# די טיר איז פארמאכט

מען קען נישט אריין צום באראן! פינטל."

"איך בעט אייך. איך דארף דרינגענד רעדן מיט'ן באראן."

"איר פארשטייט נישט קיין אידיש?"

...

אזוי שטייט חיים, ביים טויער פון דעם הערליכן וואוינארט פון דעם באקאנטן אידישן פילאנטראפ באראן ראטשילד (אויפן בילד איז איינס פון די פאלאצן פון משפחת ראטשילד). חיים ווייסט אז דער באראן האט א ווארים אידיש הארץ און וועט אים געוויס נישט אפזאגן. חיים גייט יעצט אריבער א שווערע תקופה. ער איז "געשטיקט" מיט פרנסה. פון אלע זייטן זענען די קוועלער אויסגעטריקנט. באין ברירה האט ער געוואנדן זיינע טריט צום אידישן באראן און אים בעטן א הלוואה, א נדבה אדער אן עצה טובה וויאזוי ארויסצוקריכן פון זיינע חובות. מיט א תפילה צום באשעפער און מיט די מחשבה אז "אל תבטחו בנדיבים" איך פארלאז זיך נישט אויפ'ן באראן, נאר איך טו מיין השתדלות, איז ער געקומען צום באראן.

אבער דא האט ער זיך אנגעקלאפט אינעם שומר, וואס לאזט אים נישט אריין.

חיים געבט אבער נישט אזוי שנעל אויף. ער גייט ארויס פון טויער, אבער ער גייט נישט אוועק פון דארט. ער דרייט זיך ארום און ארום, שפאצירט אינעם שיינעם גארטן, און נאך א שעה - צוויי, פרובירט ער נאכאמאל אריינצוגיין צום באראן.

"אפשר קען איך אריינגיין ממש נאר פאר איין מינוט?" בעט ער זיך צום שומר.

דער שומר געט א קוק און ווערט בייז. "דו ביסט שוין דא געווען פריער. איך האב דיר געזאגט. דער באראן איז פארנומען היינט. מען קען נישט אריינגיין."

חיים איז נישט פון די וואס געבן שנעל אויף. ער ווערט נישט אזוי דערשראקן אז מען ווייזט אים די טיר. דער שומר טוט זיין ארבעט מיט נאמנות. אז מען האט

אים געזאגט נישט אריינלאזן, איז דאס ביי אים פשוט. נישט אריינלאזן!

אבער חיים'ס עקשנות איז שטערקער. ער וועט טרעפן דעם באראן. די זייגער רוקט זיך, אבער חיים נישט. ער זיצט ביים טיר, ביי די טרעפ. ער וועט ווארטן ביז דער באראן גייט ארויס פון שטוב. אז מען לאזט אים נישט אריין אין שטוב, וועט ער זיצן ביי די טרעפ.

דער שומר קוקט אויף אים מיט ביטול. "ווילאנג וועסטו דא זיין? אפילו אויב דו וועסט טרעפן דעם באראן, וועט ער דיר סיווי נישט געבן געלט."

חיים ציעט מיט די פלייצע. ער דארף נישט אפגעבן דין וחשבון פאר'ן שומר. ער בלייבט ביים טיר. ער וועט אנקומען צו רעדן צום באראן. זיינע ליפן שעפשען תפילות צום באשעפער. ער ווייסט ער וועט אנקומען.

אזוי איז ער געזעצן דארט ביז עס איז אנגעקומען זמן מנחה. פלוצלינג עפנט זיך די טיר און דער באראן ערשיינט דארט. ער הייבט אן ארויסגיין צום גאס. חיים כאפט די געלעגנהייט און גייט אים נאך. ווען דער באראן האט אים דערזען האט ער זיך אויסגעדרייט צו אים מיט א שמייכל און ער פרעגט אים, "מיט וואס קען איך דיר העלפן?"

חיים ברעכט אויס אין א געוויין און דערציילט פאר'ן באראן ראטשילד וואס עס גייט אויף אים איבער.

"וויפיל געלט דארפסט זיך צו שטעלן אויף די פיס?" אינטערעסירט זיך דער באראן.

חיים זאגט אים א אסטראנאמישער סכום.

דער באראן טראכט נישט קיין צוויי. ער נעמט ארויס זיין טשעק ביכל און שרייבט אים אויס די פולע סומע. "במתנה." לייגט דער באראן צו.

חיים שטייט דארט, געפלעפט. ישועות ה' כהרף עין! א איד וואס שטייט דארט אין די זייט באטראכט די גאנצע מעשה און טראכט צו זיך אז ס'איז א שעת הכושר. ער כאפט די געלעגנהייט און לויפט צו צום באראן. "איך דארף אויך א גרויסע סומע געלט. אפשר קען מיר דער באראן העלפן?"

דער באראן דערלאנגט אים אפאר פרוטות. דער איד איז זייער באליידיגט.

"איך מעג פרעגן דעם באראן א שאלה? פארוואס דעם איד האט דער באראן אויסגעצאלט אלע זיינע חובות און מיר געט דער באראן אפאר פרוטות?"

דער באראן איז אים מסביר. "זייער פשוט. דער איד, חיים איז געקומען צו מיר. מען האט אים פארשיקט. ער האט אבער נישט אויפגעגעבן. איך האב געזען פון פענסטער אז ער ווארט ביים טיר. ער האט זיך נישט מייאש געווען. ער האט געגלייבט באמת אז איך וועל זיין די גוטע שליח פון דעם באשעפער אים צו העלפן. נו, אז א איד געבט נישט אויף און ווארט אויס, קומט אים נישט א טשעק וואס זאל אים אויסצאלן זיינע חובות?"

...

די מעשה האב איך נאכגעהערט פון הרב ר' דניאל בוים שליט"א. ער האט ארויסגעברענגט די נקודה אז א מענטש שטייט ביים טויער, ביים טיר פון צדיק און בעט און בעט "פתחו לי שערי צדק" און ער געט נישט אויף, וועט ער סוף סוף זוכה זיין אריינצוגיין אינעם שער לה'.

פתחו לי שערי צדק, עפן מיר אייבערשטער דעם טויער פון צדיק כדי עס זאל זיין "אבא בם אודה קה." איך וויל זוכה זיין צוצוקומען צו דאס וואס דער הייליגער רבי זאגט אז דער עיקר שעשוע עולם הבא איז טוב להודות לה', דאנקען און לויבן דעם באשעפער. ווען דער אייבערשטער וועט רחמנות האבן און אונז עפענען דעם שער הצדיקים וועלן מיר זוכה זיין צו שפירן די זיסע און ליכטיגע טעם פון דאנקען און לויבן און שפירן נאר גוטס, נאר אייבערשטער!

ביי איינע פון די באטעס דעם פארגאנגענעם זומער האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט אז עס גייט אריבער ימים ושנים, טעג און יארן און מען שטייט נאך אלץ ביי די זעלבע דרגה, ביים ווען, ביים בענקען. און דער ראש ישיבה שליט"א האט געלויבט אז דאס איז אויך א מדריגה צו שטיין אזוי לאנג ביי איין מדריגה און נישט אויפגעבן דאס "ווילן."

דער הייליגער רבי האט אונז שוין מגלה געווען אז דער עיקר איז "דאס ווילן." אז א מענטש וויל, בענקט, און מאכט תפילה, וועט מען צום סוף זוכה זיין צו זיין אן ערליכע איד און צו האבן ערליכע דורות.

אזוויי עס איז באקאנט דעם סיפור, דער רבי האט געהאט צוויי מחותנים גרויסע צדיקים, איינער איז געווען הרב הקדוש מוואלטשיסק זכותו יגן עלינו און דער צווייטער מחותן איז געווען הרב הקדוש מחמעלניק זכותו יגן עלינו, דער הייליגער וואלטשיסקער זי"ע האט זייער שטארק געוואלט פארן קיין ארץ ישראל, פערציג יאר האט ער געבענקט, געהאפט און געוואלט אנקומען קיין ארץ ישראל, ער האט אסאך געבעטן און מתפלל געווען אויף דעם.

ווען דער חמעלניק'ער רב זי"ע האט דאס געהערט האט ער דאס אוועק געמאכט, זאגנדיג: "אז מען וויל פארן קיין ארץ ישראל וואס דארף מען אזוי פיל בענקען, ווילן, און האפן? וואס דארף מען בכלל דאווענען אויף דעם? מען נעמט געלט און מען פארט!" ווען דער רבי האט דאס געהערט האט דער רבי געזאגט: "איר וועט זען אז דער מחותן דער וואלטשיסקער רב וועט נאך אנקומען קיין ארץ ישראל אבער דער חמעלניק'ער רב וועט נישט אנקומען קיין ארץ ישראל". אזוי איז טאקע געווען; דער וואלטשיסקער רב זי"ע איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל און ער ליגט אינעם צפת'ער בית החיים, ער מיט זיין גאנצע משפחה.

וואס איז די וועג צוצוקומען צו ערליכע קינדער, הצלחה אין שלום בית, פרנסה, אדער אין סיי וועלכע ענין? עס האט נישט מיט וויפיל כשרונות א מענטש האט, עס האט נישט מיט "פון וואספארא משפחה מען קומט." דאס האט נאר מיט איין זאך, "וויפיל איך בענק און וויפיל איך בעט." וויפיל תפילות גיס איך אויף דעם?"

דער הייליגער רבי האט שוין געזאגט אז מען דארף זיין א גרויסע עקשן אין עבודת ה'. אז א מענטש איז פאר'עקשנ'ט אז ער וועט פועל'ן און מיר גערדענקען אז נאר דער אייבערשטער קען און וועט מיר העלפן, וועט מען סוף סוף פועל'ן און צוקומען צו אלע שיינע זאכן.

# וואש אונז אפ

ח. ה. מינצבערג



ס'איז איבערגעדרייט די שטוב,
צו ס'האט יא אדער נישט ליב,
די טייערע מאמעלע נעמט,
א בעזעם אין די הענט.

מסדר אלעס אויפן פלאץ,
די הויז צוריק באקומט איר גלאנץ,
נאך פאר מ'האט עס געזען,
גארנישט אויסטערליש געשען.

נאר אויסגעגאסן אויפן טיש,
נאר נאכאמאל געבן א וויש,
בערג וועש און געשיר,
צויבערן און א שיעור.
מיט דעם איז צו פארנומען,
צו קלינען און רוימען,

לאמיר געבן א קלער,
ווי דער הייליגער באשעפער,
טוט מיט אידישע נשמות,
וואס איז פארשמירט מיט עבירות.
ער טוט דאס ריינמאכן,
עס שיין גלאט מאכן.

טאטע ליסער,
טאטע הארציגער,
ווען א קינד טוט זיך פארשמירן,
ווענען טוט עס אינטערסירן.

נאר פאר זיין מאמע אליין,
צי וועט אים מאכן שמעקעדיג און שיין,
ארומוואשן געשווינד,
פרייליך מאכן איר קינד.

אפילו בשעת'ן באדן און שווענקען,
וועט זי אים שפילעריין שענקען,
פיל מיט הארץ און שכל,
דער עיקר ער זאל געבן א שמייכל.

אט אזוי הייליגער באשעפער פונקט אזוי,
וואש אפ דיינע קינדערלעך געטוי,
וואס מיר האבן געטון זינדיגן,
טו אונז גענצליך ריינגן.
א מחילה אן קיין שוועריגקייט,
נאר מיט שמחה און פרייליכקייט.

מ. פאפענהיים



# טריקענע ליכט צינדן

די טיש געדעקט,

דאס הויז שמעקט...

די ווארעמע שטימע פונעם ראש ישיבה שליט"א האט זיך צוגאסן אין הויז, ארײנפאסנדיג אינעם פרייטיג - ערב שבת אטמאספער. נאר מיט אסאך תפילה, אנפאנגען פון זונטאג מיט די פאסיגע הכנות, האלט מען שוין ענדליך דא, ווען דער שבת שטייט ביים שוועל, און נאר מיט אן א שיעור בעטן דעם אייבערשטן, קען מען האלטן די ריכטיגע פאקוס אין די קורצע ווינטערדיגע פרייטיג'ס און זיך פרייליך מאכן אויך ווען די צייט איז ענג און אט - אט איז דער זמן.

איך בין געשטאנען אין קאך און אנגעגרייט די שבת נאש, האפנדיג אז עס וועט האלטן די קליינע אביסל פארשפילט און איך וועל זיך קענען כאטש אביסל אויסבעטן ביי די ליכט. איך כאפ א בליק אויף די טעפלער, אלעס איז אויפן פלאץ? די קוגל איז ווארעם? איך גיי ארויס פון קאך, די הויז איז הערליך אויפגערוימט, כאטש איך ווייס אז עס גייט זיך האלטן נאר ביז א האלבע שעה נאך ליכט צינדן... די לעקטער'ס זענען מסודר? די מוקצה אוועקגעפאקט?

אויב אזוי קען מען גיין אנצינדן די שבת לעכט!

די קינדערלעך קומען צו לויפן, אנגעטון שבת'דיג און ריין, די האר און פיאות אויפן פלאץ. אונזער גרויסער נתי טיילט פאר יעדן די פיינע שבת נאש, און זייערע לויטערע אויגעלעך קוקן נאך ווי די פלעמעלע טאנצט פון איין ליכטל צום צווייטן, צוויי ליכט פאר שמור און זכור, פיר אנטקעגן דעם הייליגן באשעפער'ס נאמען, און איינס פאר נחמן, פאר נתי, פאר פייגי, פאר אדעלע און איינס פאר מוישי... ששש... ששש... מאמי צינדט ליכט...

איך דעק צו מיינע אויגן... און איך מאך די ברכה להדליק נר של שבת... איך ווארט אויף די טרערן... איך וויל פילן א ווארעמקייט... איך פרוביר צו זוכן

ווארעמע ווערטער... אבער... איך פיל זיך אויסגעטרוקענט... אויסגעליידיגט... איך שעפשע קוים: 'הייליגער באשעפער... אזוי ווי איך מאך ליכטיג מיין הויז מיט מיינע ליכט, העלף אז דעם רבינ'ס ליכטיגקייט זאל אויפשיינען און באלייכטן אלע אידישע הערצער...' וואס נאך? איך הער שוין ווי איינעמ'ס פעקעלע גיסט זיך אויס, און ווי א צווייטער טרעט עס אן... נישט בדווקא פארשטייט זיך... איך פרוביר זיך צאמנעמען אביסל... כאטש דערמאנען די נעמען פון מיינע קינדער... און איך פיל א צי אין מיין שירצל, 'מאמי, איך דארף טרינקען!' איך פארליר אינגאנצן מיין מח, און איך האב שוין אויך נישט קיין כח צו שטיין... שוין... ס'איז אינגאנצן פארפאלן...

איך נעם אראפ די הענט און רוף אויס מיט אזא פרייליך געמאכטע קול: "גוט שבת! גוט שבת!"

זיי קומען צו, מיינע לעכטיגע זיסע קינדער און געבן א קוש אויף מיין האנט... די אינגלעך לויפן צום טיר, צו גיין אין שול. און איך באגלייט זיי ארויס, מיט א גוט שבת! איך באטראכט ווי זיי גייען צוזאמען, מיין מאן מיט די אינגלעך באגלייט, א שיינע הערליכע בילד, און איך פיל זיך עפעס אזוי אינדרויסן...

די קליינע לויפן אריין אין הויז, און ברענגען צו שלעפן די מאגנעט - טיילס, איך גיי זיי נאך מיט פאמעליכע טריט, און זעץ זיך אראפ אויפן סאפע נעבן זיי, זיי פארשפילן זיך גראדע זייער שיין, און די ליכט אנטקעגן ברענט אזוי רואיג און שטיל, ווי זיך צו רייצן מיט מיר... ווילסט זיך אויסבעטן, יא? א גראדע ווארט קענסטו נישט ארויסזאגן פון מויל...

איך פיל די מידקייט אין אלע ביינער, ווי נישט ווי האב איך דא אריינגעברענגט א שבת... און איך וואלט יעצט נאר געוואלט שלאפן... איך פרוביר זיך צו רייסן מיט מיינע אויגן, איך קען דאך נישט לאזן מיינע קינדער אזוי הפקר, ערגעץ אזוי צווישן איין וואלקן און צווייטן הער איך ווי מיין דריי יעריגע זינגט זיך אונטער אזוי זיס:

'טאטע הער וואס איך בעט פון דיר,

און ברענג א ברכה צו מיין טיר.

געב מיר נחת און געזונט,

געדולד צו יעדע קינד.

שלום בית זאל דא זיין...'

ניין... איך קען עס נישט הערן, איך וויל איר שרייען שא! אבער איך ווייס אז זי האט גארנישט שלעכט'ס געטון, דאס איז מיין פראבלעם... וואס זאל איך טון? אין די לידעלעך איז די צייט פון ליכט צינדן דער הויכפונקט פון א גאנצע וואך. אין די מעשה'לעך שטייט די מאמע לאנגע מינוטן אנטקעגן די ליכט ווען טרערעלעך זעט זיך אן צווישן די שפאלטן פון די פינגער... וואס וועט אבער זיין מיט מיר? אלעמאל פיל איך ביי ליכט צינדן אויסגעמוטשעט, זומער איז דער פרייטיג אזוי ל - א - נ - ג... און ווינטער איז דאך נישטא קיין צייט... צו וועל איך אמאל קענען אויסניצן ריכטיג די הייליגע מינוטן?

פונקט די וואך האב איך געהערט אזא שיינע שיעור וועגן די גרויסקייט פון ליכט צינדן, איבערדעם וואס מען זעט אין די וואכעדיגע סדרה אז ביי שרה אמנו האט געברענט די ליכט א גאנצע וואך, און אויפצומארגנ'ס האב איך געדארפט זען דעם שכנ'ס בחור'ל, נעבעך... ער איז געווען אזוי ב'חנ'ט, אזוי זיס, און עפעס האט זיך אנגעקלעפט אין אים... ער דרייט זיך מיט אראפגעלאזטע אקסלען, אן קיין מוט צו לעבן, די פארלאשענע אויגן, פארטיפט אין א גלאנציגע סמארטפאון...

עס האט אזוי געריסן ביים הארץ, איך האב זיך הייס צוגעזאגט אז די וואך גיי איך יא זיך קענען צאמנעמען און זיך אויסבעטן. אמת, מיינע קינדער זענען נאך קליין, לויטער און תמימות'דיג ריין, אבער קיינער קען מיר נישט פארזיכערן וואס עס גייט זיין מיט זיי, און אויף אלע וואס זענען געוואקסן גדולי ישראל, דערציילט מען אז זייערע מאמע'ס האבן פארגאסן אן א שיעור טרערן אויף זיי, איך מוז עס מאכן! באשעפער!!! פארוואס קען איך נישט ארויסקוועטשן כאטש איין טרער?

"מאמי!" - א קלאפ אין האנט האט מיר אויפגעטרייסלט - "קוק ווי הויך מיר האבן געבויעט!"

מיינע קליינע זענען געשטאנען מיט גלאנציגע אויגן ארום דעם ריזיגן, וואקלדיגן, טורעם. איינס... צוויי... ט - ר - א - ך... דער טורעם האט זיך צאמגעלייגט צו זייערע פרייליכע געלעכטער'ס, איך האב זיך געמוזט צושמייכלען צו זייער הנאה, און זיי האבן אנגעפאנגען מיט א פרישקייט, "קום נאכאמאל בויען אזא ריזיגע טורעם וואס פאלט אליינס אראפ..."

זייער גוטמוטיגקייט האט זיך אביסל אנגעקלעפט אין מיר, איך קען טאקע זיצן און זיך קלאפן, אז איך וויין אלעמאל נאר וואו עס קומט נישט אריין, און ווען איך פרוביר זיך צושטעלן צו אונזערע הייליגע אמהות קען איך נאכמער אריינפאלן אין יענעם טיפן תהום פון יאוש. אבער ניין, איך דארף זיי נישט נאכמאכן, איך קען זיך פשוט לערנען פון זיי. מוהרא"ש זאגט אז ביי שרה אמנו און נאכדעם ביי רבקה אמנו האט געברענט די שבת ליכט א גאנצע וואך, אונז צו וויזן אז זיי האבן א גאנצע וואך געוואוסט צו רעדן צום אייבערשטן און אים אלעס בעטן... און אויב איך האב נישט קיין געפיל? וועל איך רעדן צום אייבערשטן טרוקן און קאלט...

באשעפער! איך וויל ערליכע קינדער! הייליגער באשעפער! איך וואלט אויך געוואלט אז מיינע קינדער זאלן וואקסן נישט סתם, נאר זיי זאלן אויסניצן זייערע כוחות צו פארשפרייטן און גרויס מאכן דיין הייליגן נאמען!

הייליגער באשעפער! איך אליין וויל זיין גוט! העלף מיר אז איך זאל וועלן טון דיין רצון! געב מיר כח צו זיין א גוטע ווייב פאר מיין מאן, געב מיר כח צו זיין א גוטע מאמע פאר מיינע קינדער, און געב מיר א ווארעמקייט און געפיל צו רעדן צו דיר, צו אויסגיסן מיין הארץ פאר דיר, און געדענקען און וויסן אז אלעס קומט נאר פון דיר!


קינדער
בלעטל
מ'כאפט אוצרות
ווער איז מצליח אין לעבן?
- ספר המדות
והיו עיניך רואות את מוריך
- שרייב טישל

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: "וואס דארף א איד זארגן אז ער גייט אוועק פון די וועלט מיט בארד און פיאות"

## ברסלב'ע חידות

**דער רבי זאגט אין ספר המדות: ווער עס איז ____ ____ איז מצליח אין לעבן**

א. אן ערליכער
ב. א מתמיד
ג. שטענדיג פרייליך
ד. קיינמאל בכעס

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט אמאל געזאגט: "ווער איז אייך שולדיג אז איר האט נישט קיין ידיעה אין איידלקייט"

## געב א שמייכל

**וועלכע זאך האט פינף פיס, און ווען מ'דרייט זיין קאפ שפריצט ער?**

[illegible]

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה - חלק ראשון**

**סח. טוֹב לָאָדָם שֶׁיָּמוּת, מִשֶּׁיִּחְיֶה וְיִהְיֶה שַׁקְרָן בְּעֵינֵי בְּנֵי אָדָם.**

עֶס אִיז לִיבֶּערְשְׁט פַאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ שְׁטַארְבְּן, ווִי צוּ לֶעבְּן אוּן מֶענְטְשְׁן זָאלְן אִים אָנְקוּקְן ווִי אַ לִיגְנֶער.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

והיו עיניך רואות את מוריך: **הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג), **און טרעף צו וועלכע צדיק איז אינעם בילד!**



# מעַנטשערליך

## דֶעם קֶעמְג'ס אוֹצְרוֹת

**עֶס** איז זוּנְטָאג הַיינְט, גֶעלִי פֵּייגִי און בְּרָכִי דְרֵייעֶן זִיךְ פוּן קָאךְ צוּ דִי שְׁלָאף שְׁטוּבּ און צוּרִיק. "מַאמִי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן", הָאט גֶעלִי גֶעזָאגְט און פֵּייגִי און בְּרָכִי הָאבְּן צוּגֶעשְׁטִימְט.

"אֶפְשָׁר ווילְן עֶנְק מָאלְן?" הָאט מַאמִי גֶעפְרֶעגְט.

"מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעמָאלְן גְלַייךְ נָאךְ פְּרִישְׁטִיג און דֶערְנָאךְ הָאבְּן מִיר גֶעשְׁפִּילְט הוֹיז און דֶערְנָאךְ הָאבְּן מִיר גֶעלֵיינְט אַלֶע בִּיכֶער און יֶעצְט אִיז שׁוֹין בֶּאֱמֶת נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן", הָאט פֵּייגִי עֶרְקְלֶערְט.

שָׂרָה לֵאָה, זֵייעֶר גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דִי שְׁפִּיל שְׁטוּבּ מִיט קְלֶעי. "וֶוער וִויל שְׁפִּילְן?" הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט.

"אִיךְ! אִיךְ!" הָאבְּן דִי קִינְדֶער אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן. און אַלֶע קִינְדֶער פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין זֶענֶען אַרַיינְגֶעלָאפְן אִין שְׁפִּיל שְׁטוּבּ.

"יְיַשֵּׁר כֹּחַ שָׂרָה לֵאָה", הָאט מַאמִי גֶעזָאגְט. "דִי צַייט וָואס אַ מֵיידְל הֶעלְפְט אִיר מַאמֶע בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג".

"אִיךְ וֶועל עֶנְק אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ מַאכְן חַלּוֹת מִיט קְלֶעי", הָאט שָׂרָה לֵאָה גֶעזָאגְט. "עֶרְשְׁט מַאכְט מֶען בָּאלִיס, דֶערְנָאךְ מַאכְט מֶען שְׁטְרִיקְן פוּן דִי בָּאלִיס, דֶערְנָאךְ קְלֶעבְּט מֶען צוּזַאם דִי אוֹיבְן פוּן דִי שְׁטְרִיקְן. יֶעצְט וֶועלְן מִיר פְלֶעכְטְן וִוי מַאמֶעס! דִי רֶעכְטֶע צוּ דִי מִיטְן; דִי לִינְקֶע צוּ דִי מִיטְן, דִי רֶעכְטֶע צוּ דִי מִיטְן... זֵייעֶר גוּט פֵּייגִי! אַזוֹי שֵׁיין בְּרָכִי! און וָואס מַאכְסְטוּ, גֶעלִי?"

אִיךְ מַאךְ קִיכֶעלֶער!

"זֵייעֶר שֵׁיין גֶעלִי", אִיךְ מֶעג עֶסְן אֵיינְס?" אַלֶע אִינְאֵיינֶעם הָאבְּן גֶעלַאכְט, וַוייל זֵיי וֵוייסְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן קְלֶעי.

"דֶערְצֵייל אוּנְז אַ מַעֲשֶׂה", הָאט גֶעלִי גֶעבֶּעטְן.



בילדער: ח. שטיינבערג




שָׂרָה לֵאָה הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף אִיר זֵייגֶער, "מַיין גַאנְצֶע טָאג גֵייט אַוֶועק מִיט הֶעלְפְן, וֶוען וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַבִּיסְל צַייט פַאר מִיר? הָאט זִי גֶעטְרַאכְט.

"אִיךְ וֶועל עֶנְק דֶערְצֵיילְן אַ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס וֶועט מִיר דֶערְמַאנֶען אַז אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גוּט אוֹיסְגֶענִיצְט מַיין צַייט הַיינְט".

***

אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ עֶרְלִיכֶער קֶענִיג, זַיין נָאמֶען אִיז גֶעוֶוען מוֹנְבַּז הַמֶּלֶךְ, עֶר פְלֶעגְט טֵיילְן זֵייעֶר אַסַאךְ צְדָקָה, אַ גַאנְצְן טָאג פְלֶעגְן אָרִימֶע מֶענְטְשְׁן קוּמֶען צוּ דִי הוֹיף פוּן דֶעם קֶענִיגְ'ס פַּאלַאץ אוּן דֶער קֶענִיג הָאט אוֹיסְגֶעלֵיידִיגְט דִי קֶענִיגְלִיכֶע אוֹצְרוֹת זֵיי צוּ הֶעלְפְן.

דֶעם קֶענִיגְ'ס נָאנְטֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעזֶען וִוי דֶער קֶענִיגְ'ס פַארְמֶעגְן וֶוערְט קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער.

"חָשׁוּבֶ'עֶר קֶענִיג", הָאט אֵיינֶער פוּן זֵיי גֶעזָאגְט, "דַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אַזוֹיפִיל גֶעלְט אוּן אֲפִילוּ צוּגֶעלֵייגְט צוּ דִי אוֹצְרוֹת, אָבֶער דֶער קֶענִיג גִיבְּט אוֹיס זַיין גַאנְצֶע גֶעלְט אוּן אוֹיךְ זַיינֶע עֶלְטֶערְנְ'ס גֶעלְט!"

מוֹנְבַּז הַמֶּלֶךְ הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ לֵייג בֶּעסֶער אַוֶועק מַיין גֶעלְט וִוי מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעטוּן.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן בַּאהַאלְטְן זֵייעֶר אוֹצְרוֹת אִין דֶער עֶרְד אוּן אִיךְ בַּאהַאלְט מַיינֶע אוֹצְרוֹת אִין הִימְל.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַוֶועקְגֶעלֵייגְט זֵייעֶר גֶעלְט אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוַואקְסְן, אָבֶער מַיין מִצְווֹת וֶוערְן מֶער אוּן מֶער וֶוערְד אוֹיבְן אִין הִימְל.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן בַּאהַאלְטְן זֵייעֶר גֶעלְד דָארְט וואוּ גַּנָּבִים קֶענֶען צוּקוּמֶען אָבֶער אִיךְ לֵייג מַיין גֶעלְט אוֹיף אַ פַארְזִיכֶערְטֶער פְּלַאץ.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַוֶועקְגֶעלֵייגְט גֶעלְט אוּן אִיךְ לֵייג אַוֶועק לֶעבְּן.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַוֶועקְגֶעלֵייגְט פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אָבֶער אִיךְ לֵייג אַוֶועק מַיין גֶעלְט פַאר מִיר אַלֵיין.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַוֶועקְגֶעלֵייגְט גֶעלְט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אִיךְ לֵייג אַוֶועק גֶעלְט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט".

אוּן אִיךְ לֵייג אַוֶועק דִי זוּנְטָאג אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; הָאט שָׂרָה לֵאָה צוּגֶעעֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה!



# געמאלן

א מעשה פון תפלה




געמאלן: חי' וועבערמאן תחי'

געבעטן: אדי הייזליך תחי'

געמאלן: רבקה וועבערמאן תחי'

שיקט אריין אייער מאלעריי צו:

845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# קליין און פיין



אליעזר שלמה אינדיג




אליעזר שלמה שטיינבערג



מרים פריעדמאן



פייגי לאנדא און שרי אינדיג - שרה אמנו אין קאסטן



רבקהלע ראבינאוויטש



שלמה און חיים בוים



שרי אינדיג



מרדכי אינדיג

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



יוסי ראטה



אליעזר שלמה שטיינבערג



לאה ברוין



משפחת לאנדא און ברוין



מש' כץ - אברהם אבינו'ס געצעלט



פייגי לאנדא



פייגעלע פרידריך



נחמן נתן און יואליש שניצלער



יוסי און שיינדי אינדיג

צוליב די גרויסע נאכפראגע
טוען מיר פארשטעלן אונזער נייע

# שבת גליונות
# מעגא פעקעדזש

וואס וועט צושטעלן א ריכטיגע עונג שבת פאר די גאנצע משפחה,
קינדער און ערוואקסענע, מענער און פרויען צוגלייך
מיט לייען מאטריאל אנגעפולט מיט אמונה, מידות טובות, עצות און חיזוק




גאראנטירט בעז"ה
אנצוקומען אויף שבת קודש
געשיקט דורך UPS

דער פעקעדזש רעכענט אריין:

**עצתו אמונה**
**קרית ברסלב בלעטל**
**גליון היכל הקודש**
**גליון שיעורי חינוך**

מען קען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען
נאר די בית נצחי אדער עצתו אמונה

רופט שוין זיך איינצושרייבן:
718-387-2691 *3
אימעיל צו:
subscribe@kerenhadfusa.org

IDEA. 8457769664

# קלאסיפיידס




מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה נח הערש ווייס הי"ו**
**וזוגתו רחל לאה תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

Looking for secretary for a good growing company in monticelow, well paid.

Best if they have experience.

Can also work remotely.

Call 845-521-9888

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה ראובן בירנבוים הי"ו**
**וזוגתו חיה תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט.

## דירות אויף האשקי

**א צוויי בעדרום דירה און א איין בעדרום דירה צו דינגען פאר שבתים.**

**רופט משפחת וועבערמאן**
**845-492-0566**

# געשעעניש'ן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



וואכנאכט לבן מו"ה נח הערש ווייס הי"ו אינעם שטוב פון זיין שווער מו"ה יואל פארקאש שליט"א אין קרית יואל



אינגעלייט לערנען פלייסיג פארטאגס אין ביהמ"ד אין שטעטל בשעת א בלעקאוט



תורה די בעסטע סחורה



מגיד שיעור הרב אלחנן רוטה שליט"א לערנט מיט די בחורים הלכות שבת

קרעדיט: יוסי פרערויא, שמואל בלעדי, לייבי ראטה, אייזיק ראטה, שמעון פורטגאל, שלומי האמר, נפתלי זאבאל, יענקי פיש








פרייליכע חתונה פון החתן שמעון הי"ו בן מו"ה מאיר דוד פארקאש הי"ו עב"ג בת מו"ה שלום יוסף יאקאבאוויטש הי"ו






וואכנאכט און ברית פון הילד נחמן יצחק נ"י בן מו"ה שמעון פארטיגאל הי"ו



דער ראש ישיבה שליט״א ביים באטראכטן די קרית ברסלב בלעטל אינעם בית הדפוס אין שטעטל



א בליק אריין אין קאך פון די מוסדות





ביים פארענדיגן די אינדרויסענדיגע חלק פונעם נייעם שטאק אין חדר









חתונה פון החתן זאב נ״י בן מו״ה יצחק ראטה הי״ו עב״ג מו״ה נפתלי זאבעל הי״ו

















**חתונה 101 אין ישיבה פון החתן נפתלי נ"י בן מו"ה עזרא בוים הי"ו עב"ג מו"ה משה ארי' שניצלער הי"ו**

קרעדיט: יוסי פרערויא